3 1761 04608898 5

PJ
5053
B5A56
1913X
c.1
ROBA

**Toronto Jewish Public Library**

**THIS BOOK MAY BE KEPT**
**21 DAYS**

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

58/62 #3733

FEB 17 '66

AUG
AUG 11 '77

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
*by*

**SAM SIMCHOVITCH**

# 3733

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
* JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO *

דיינער זיצט נאָך פעסט און פינקעלט
אין דער שטערן־קייט דאָרט אויבען;
גיב אַ קוק, דו זעהסט? — ער ווינקט דיר,
און זיין בליק איז טרייסט און גלויבען"...

און איך קוק אַהין צום שטערן,
ווי עס ווערט די וועלט אַנטשוויגען — —
מיין וועלט, וויים איך, איז נור איינע —
כ׳פיהל זי אין מיין הארצען ליגען...

(א. רייזען).



מכירה עממית בטורונטו
יידישע
פאָלקס ביבליאָטעק
טאָראָנטאָ
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

# ביינאַכט.

ס'שיט די שטילע נאַכט מיט סודות,
ס'איז די גאַנצע וועלט אַנטשוויגען;
נור דער וואַסער-מיהל — ער וואַרפט זיך,
לאָזט דעם טייך ניט רוהיג ליגען...

ס'ווערט די שוואַרצקייט אַלץ געדיכטער,
שאָטענס מעהרען זיך און מעהרען;
זאַכט אין ים פון נאַכט און שוואַרצקייט
פאַלט אַ שטערן נאָך אַ שטערן...

שטיל אַרום. מיין האַרץ נור, פיהל איך,
וויל ניט שווייגען, וויל ניט שטומען,
און איך הער אַ קוואַל אַ ריינעם
אין מיין האַרצען רוישען, ברומען...

און עס רעדט פאַמעליך: „קינד מיינס,
ס'ווערט מקוים דיין בעגעהרען.
זעהסט, אַ שטערן פאַלט פון הימעל,
גלויב, מיין קינד, — ס'איז ניט דיין שטערן!

זיי אַ שוֹק מיר, זיי אַ שוועסטער
און אַ מאַמע מיר אַפילוּ,
לאָז מיין קאָפּ אין שויס דיר לעגען
אויסצוגיסען דיר מיין תּפלה...

(אַ. רייזען).

# ווי אַ שוין מיר...

זיי אַ שוין מיר, זיי אַ שוועסטער
און אַ מאַמע מיר אַפילו,
לאָז מיין קאָפּ אין שויס דיר לעגען
אויסצוגיסען דיר מיין תפלה...

און פאַרנאַכט, אין צייט פון רחמים,
וועל איך עפנען דיר מיין טענה!
מ׳זאָגט, ס׳איז ערגיץ דאָ אַ יוגענד —
וואו איז מיינע?

און אַ סוד נאָך וועל איך פרעגען:
כ׳בין פערברענט פון שעה׳ן טריבע;
מ׳זאָגט, ס׳איז ליעבע אויף דער וועלט דאָ —
וואָס איז ליעבע?...

שטערן האָבען מיר בעטראָגען,
און דער חלום איז קיין וואָהר נישט;
איצטער אין דער וועלט דער גאַנצער
האָב איך גאָרנישט...

מיין האַרצ׳ם שלאָגען און מיין אָטעם,
אויף דעם לעצטען חָלום מיינעם,
וועל איך ברענגען דיר אַלס אָפּפער,
ביז מיין לעצטער טאָג וועט קומען.

(ז. רייזען).

און אין גאָלד פון ליכט דעם קלאָרען
שטעהען אויף מיט שטומען פאָרוואורף
איצט פאַר מיר די אויגען איהרע,
טוּיטען מיך מיט זייער שטראָף־בליק,
קוקען שטיל אַזוי און פרעגען:
„אַך, מיין ליעבער, איז געווען דאָס
אַלץ נור חָלוֹם, פאַלשער כּשוּף?"

ניין, מיין רײנע! כ'האָב געליעבט דיך,
און איך ליעב דיך אויף אַנ'אֶמֶת;
ווען אַפילו כ'האָב פערלאָזט דיך,
האָב איך עס געטאָן אוים ליעבשאַפט.
ביסט צו ריין צו זיין מיין פריינדין,
ביסט צו הייליג, מיט מיר זיצען;
זיי־זשע מיר מיין גאָט, מיין מַלְאָך,
צו דיר וועל איך בעטען, דיענען;
זיי אַנ'אָנדענק מיר פון קְדוּשָׁה,
שיין מיר אין די זונען־שטראַהלען,
ווינק צו מיר פון הימעלם שטערן,
רוף צו מיר פון מיין הארצ'ס דופֶק,
ציטער אין מיין טרעהר'ס אַ טראָפּען... —
בין בעשאַפען דיר צו דיענען!
מיינע טרעהרען, מיינע זיפצען

איינגעפלאַנצט אין אונזער האַרצען"...

און ווי כ'האָב דעם בריף געלייענט,
האָט וו'אַ האַנד אַ ווייכע, צאַרטע
אויסגעקריצט אין האַרצען מיינעם
נאָכאַמאָל די ווערטער איהרע:
„יין! דו ווייסט נישט וואָגען רייסען
יענע בלום, וואָס גאָט אַליין האָט
איינגעפלאַנצט אין אונזער האַרצען"...

און אין גאָלד פון ליכט דעם קלאָרען,
וועלכעס שטראָמט אַריין דורך ס'פענסטער
אין מיין צימער, שטעהט אויף ווידער,
שיינט פאַר מיר איהר עבענבילד;
ס'איז זי אין איהר גאַנצער ריינקייט,
ווי אויף פליגלען פון דעם ווינד לייכט,
שוועבענדיג וו'אַ זומער-פויגעל,
דורכאויס ליכט, אַליין דער ליכט-גלאַנץ,
ווי פון ליכט צום ליכט בעשאַפען...
און אַט זענען איהרע אויגען,
טויבען-אויגען פול מיט שווייגען,
וואָס פון זייערע שוואַרצאַפלען
שטראַהלט שטיל-שטיל דאָס ליכט פון פרידען,
ס'ליכט פון חֶסֶד, זעעלען-ריינקייט.

*

* *

די האָט מיר געשיקט אַ בריוועל,
און אין בריוועל שטעהט געשריבען:
„אַלץ, וואָס ס׳האָט געליעבט מיין זעעל נאַר,
אַלץ, פון וואָס מיין גייסט געטרוימט האָט,
אַלץ, וואָס איז געווען מיין חִיוּת,
און מיין בענקשאַפט און מיין גלויבען —
איז דאָס אַלץ, דו פריינד מיין האַרצענס,
קוואַל מיין לעבענס, זעעל מיין זעעלעס, —
איז דאָס אַלץ געווען אַ חָלוֹם?...

האָסט פערגעסען? ניין, דו קענסט׳ס נישט!
ניין, דו קענסט ניט דאָס פערגעסען,
וואָס אַריינגעהויכט אין אונזער
אָטעם האָט איינאיינציג לעבען;
וואָס איין זון האָט אָנגעצונדען
איבער אונזער ביידענס הימעל;
וואָס׳ט איין גינגאָלד-טרוים געגאָסען
אויף דעם גייסט, אין אונז בעהעפטען...
ניין! דו ווערסט ניט וואָגען רייסען
יענע בלום, וואָס גאָט אַליין האָט

און כ׳האָב געוויינט ביינאַכט, מיין קישען שטיל געביסען,
און ס׳האָט מיין לייב געשמאַכט און זיך צו דיר געריסען;
און אויף דער ברייטער גמָרא גאַנצע טעג פערטרוימט,
און וואָלקענדיל מיט גאָלד בעזוימט,

אין לויטערסטען געבעט, אין מיינע רייניסטע פריידען
און אין די הייליגסטע פון מיינע ליידען —
האָב איך נור איינס געגאַרט, נור איינם פערלאַנגט האָב איך:
נאָר דיך, נאָר דיך, נאָר דיך...

(ש. גינזבורג).

# וואו ביסטו?

פון דאָרטען, וואו דו ביסט, מיין איינציגע בעשערטע,
אין שְׁכִינָה פון מיין טרוים, געגלוסטע און בעגעהרטע, —
ענטפלעק זיך שוין און קום, און קום געשווינד פון דאָרט
אין מיין בעהאַלטען אָרט.

און כָּל־זְמַן ס'איז נאָך צייט — קום מיר אַ תִּקוּן געבען
און קעניג אויף מיין לעבען,
און גיב מיר מיין גערויבטע יוגענד היינט צוריק —
און ברענג מיך אום צוזאַמען מיט מיין גליק.

און אונטער דיינע ליפּען זאָל מיין פונק דערגליהען,
און לאָמיך צווישען דיינע בריסט מיין טאָג דערציהען,
ווי צוגעטוליעט פעסט צום בלומענשוים
אַ שמעטערלינג פאַרנאַכט געהט אוים.

וואו ביסטו?

אַז דו ביסט נאָך געווען אַ ווייטע אומבעקענטע —
שוין פלעגען רופען דיך די ליפּען די צובּרענטע;
און מיין געלעגער האָסטו גאַנצע נעכט געהיט,
און ווי אַ פייער־קויהל ביי מיר אין הארץ געגליהט.

# אויפ׳ן בית=עולם.

שטיל האָבען די בוימער צו מיר זיך געבייגען:
רוה אָב אינ׳ם שאָטען, דו פרוב דיך דאָ לעגען...
אַ מַצֵבָה אַזאַ און אַזאַ בערגעל ערד —
און יעטווידער צַער וואָלט גלייך אויפגעהערט.
וואָס טויגען דיר הונדערטער טויטען אַ טאָג? —
שטאַרב איינמאָל און וועסט מעהר ניט וויסען קיין קלאָג!...
מיר וועלען צוטיילען זיך שטיל מיט דיין קראַפט:
אַ טייל פאַר די ווערים, אַ טייל אונז אויף זאַפט...
דען איבעראַל פליסט עס דאָס לעבען מיט שוים —
קענסט בליהען אין בלימעל, קענסט בילדען אַ בוים,
וועסט אומעטום לעבען — און ס׳וועט דיר זיין גוט...
דו קום נאָר צו אונז! אהער, פלייש=און=בלוט!

# צום ווינט מיינע זיפצען געוואָרפען...

צום ווינט מיינע זיפצען געוואָרפען,
אין זאַמד מיינע טרעהרען פערלאָרען...
ווינט! זאָג, אויב דו טרעפסט וואו מיין ברודער,
אַז קויהל איז פון מיר איצט געוואָרען.

און זאָג איהם: ערשעפּט איז מיין ליכטקוואַל
און טראָפּענווייז איז ער פערדאָרבען,
דאָס העלישע פייער פון האַרצען —
אַ פונק נאָך אַ פונק אָבגעשטאָרבען.

און איצט — ווי אַ וואונד איז מיין ליכטקוואַל,
ער טריפט נאָר אין מאַנכע מינוטען,
און ס'רויכערט מיין האַרץ זיך פערבאָרגען,
געוואַלגערט אין פייער און בלוטען.

(יצחק לוקאָווסקי).

און אומקעהרען וועל איך מיך צו מיין שטילער היים אין טאָל,
און שליסען וועל איך הייליג מיט די וואַלד־בוימער אַ בונד...
דאָך איהר, פון גרויס ביז קליין, איהר וייט צופרעסען און צופוילט,
און מאָרגען וועט אייך אַלעמען אַוועקטראָגען דער ווינד...

*

* *

און אמציה האָט געזאָגט צו
עמוס׳ן: „וזָהער, אַנטלויף!“.
(עמוס, ז׳, י״ב).

„אַנטלויף“? — אַנטלויפען וועט דאָך ניט אַ מענשען־קינד, ווי איך!
דען לאַנגזאַם האָבען מיינע רינדער מיך געלערנט געהן,
אויך רעדען האָט מיין צונג זיך קיינמאָל ניט געלערנט גרינג,
און ווי אַ האַק וועט פאַלען שווער מיין וואָרט אויף אייך אַליין.

און אויב מיין קראַפט האָב איך פערשווענדט אומזיסט —
איז ניט מיין שולד!
דען אייער זינד איז עס, און טראָגט פון אייער זינד די לאַסט:
עס האָט מיין האַמער ניט געפונען אונטער זיך דעם שטאָהל,
און ס׳האָט מיין האַק געטראָפען און פערפוילטען האַרץ מיט האָלץ...

נור ס׳אַרט מיך ניט, דען שָלום שליסען וועל איך מיט מיין
גורל איצט,
און אָנבינדען וועל איך מיין ווערקצייג צו מיין גאַרטעל שטום,
און ווי אַ טאָג־פערדונגענער, וואָס איז פון לוין גערויבט,
וועל איך זיך לאַנגזאַם אומקעהרען אַהין, פון וואַן איך קום.

ניט איך האָב מיט קערנער פערזייהט עס,
ניט איך װעל, ניט איך, צונויפנעהמען
די פולע, בעלאָדענע זאַנגען!

ניט איך האָב אַ װאַרימען רעגען
פאַר זיי ביי מיין גאָט אויסגעבעטען,
ניט איך האָב מיט שווייס=טראָפּען הייסע
דאָס פעלד בעדעקט, ווערענדיג מיעד;
ניט איך פלעג זיך פרעהען בעטראַכטענד,
ווי ס'גיסען זיך אָן פול די זאַנגען,
און שניידענד — אויף זיי וועט ניט פאַלען
מיין קלינגענדיג=פרעהליכעס ליעד!

נור דאָך זייט איהר טייער מיר, פעלדער!
פון דאַן, זייט כ'דערמאָהן מיינע ברידער,
וואָס אַרבייטען ווייט אין מיין אייג'נעם,
דעם ליעבען, פערלאָזענעם לאַנד;
ס'קאָן זיין, אין דיזעלבע מינוטען
קלינגען הויך זיי'רע שטימען אַלס ענטפער
צום ווייטען און עלענדען ברודער,
וואָס לעבט אין דעם גָלות, אין שאַנד!

(י. י. שוואַרץ).

אין היימליך, פול לעבען געשלאָגען.

וואו לויפט איהר, איהר זאַנגען, וואָס רוישט איהר און שטורעמט?
ויער שלאָגט אין אייך חוואַליעס אַזוי ווי אין יַם?
פאַרוואָס, זאָגט, בעדעקט איהר די פליהענדע פייגעל
מיט כשופ׳דיג־גאָלדענער פלאַם?

צי ציהט איהר אַהין, וואו די וואָלקענדלעך שוועבען?
צי אַ לאַנד לויטער פריהלינג איז אייער פערלאַנגען?
צי אַהין, וואו ס׳פערטראָגען די טרוימען די זעלע, —
אַהין ציהט איהר, גאָלדענע זאַנגען?

נור אָט איז דער ווינד שוין אַנטלאָפען.
עס האָבען די גאָלדענע זאַנגען
אין אונגעשטערט שטילקייט, פער׳חָלום׳ט
די קעפּלעך צוריק אָבגעלאָזען;
נור טיעף אין מיין האַרץ האָט אַ שטורים,
אַ שרעקליכער, רוישענדער שטורים
פון האַלב שוין פערלאָשענע קויהלען
אַנ׳אונגעהויער בראַנד אויפגעבלאָזען.

איך שטעה פאַר דעם פעלד פאַר דעם רייכען,
דעם רוישענדען, פרעהליכען, ברייטען,
און פיהל ערשט מיין אָרימקייט איצטער,
און ס׳עגבערט אין קאָפּ דער געדאַנקען:
ניט איך האָב דאָס פעלד אויסגעאַקערט,

ס'איז שטיל אַלץ. די זון האָט זיך הינטער
די בערגער די הויכע באַהאַלטען,
פערשלאָסען אין ווענד פון די זאַנגען.
געה שטום איך בעזאַכט אויפ'ן שניט...
עס האָבען זיך העל־בלאָהע הימלען
הויך איבער מיין קאָפּ אויסגעצויגען,
און ס'ציהען אַרום מיר זיך פעלדער
מיט זאַנגען אָהן שיער און אָהן ברעג.

און קלאַרינקע וואָלקענדלעך ציהען
זיך הויך אויף דעם הימעל דעם בלאָהען,
און קריכען, און שוועבען, און וואַרפען
אַ דונקעלען שאָטען געדיכט,
פערהילען די גאָלדענע פעלדער;
עס וועהט זים אַ שטילינקעס ווינטעל
און וויגט שטיל די גאָלדענע זאַנגען,
וואָס טרוימען אין שאָטענס און ליכט.

נור אָט האָט אַ ווינד זיך מיט מאַכט דורכגעטראָגען,
טיעף האָבען די זאַנגען צו דר'ערד זיך פערבויגען,
דערשראָקען אַזוי ווי אַ טשערעדע שעפּסען
איז ווייט־ווייט אַנטלאָפען, פערפלויגען.

ויי האָבען פון באַרג זיך אין טאָל ווייט פערקייקעלט,
פון טאָל צו דעם רוישענדען וואַלד זיך פערטראָגען;
און ס'האָט זים אַ הימליכער רויש זיך צוגאָסען

וואָס סוד'עט דאָס ווינטעל, זיס גלעטענד
די הויכע און שטאָלציגע זאַנגען?
וואָס וויגען זיי טרוימענד די גאָלדענע
פולע און האָהריגע קעפּלעך?
וואָס שעפּטשען די בלאָהינקע בלימלעך,
זיך בויגענד ווי פול מיט געדאַנקען?

כ'בעהאַלט זיך טיעף־טיעף אין די קאָרן,
עס נעהמען אַרום מיך די זאַנגען,
איך ווער ווי אַ שיפעל אויף חוואַליעס
פערשלעפּט אין דעם וואַקסענדען מעער;
דער וואַלד שטעהט פון ווייטען פער'חלומ'ט
און וויגט זיינע בוימער פאַמעליך,
עס סוד'ען זיך זיס גרינע בלעטלעך...
איך שטעה פון דערווייטענס און הער.

איך פאַל צו דער ערד צו דער פייכטער
און גראָב איין אין איהר מיין געזיכט טיעף,
איך וויין אוים מיט ביטערע טרעהרען
דעם וועהטאָג דעם גרויסען פון האַרץ:
מאַמע־ערד! מיין געליעבטע, געבענשטע!
פאַרוואָס, זאָג, פערטיילסטו פון מיר נור
דיין געטליכע, הימלישע בְרָכָה?
אוי, טיעף איז און גרוים איז מיין שמאַרץ!

# אין פּעלד.

ניין, ניט ווי אַ פֿויגעל, וואָס חאַפּט זיך
פֿון שטייגעל אַרויס מיט געזאַנג,
און ניט ווי אַ לייב, וועלכער רייסט זיך
פֿון גראַטע אַרויס אויף דער וועלט;
אַזוי ווי אַ הונד נור געשלאָגען,
געפּייניגט, געמאַטערט גאַנץ לאַנג,
בין איך היינט פֿערשעמט און דערשלאָגען
אַנטלאָפֿען אין רוישענדען פֿעלד!

אין טאָל און אויף באַרג!... דאָרטען שטעהען
אין גרינסען בעהאַלטענע הייזלעך,
דאָרט ליגט אויף די מענשען גאָטס בְּרָכָה,
און לעבען ציפּרידען און שטיל;
עס וואַקסט זייער גוטס און עס מעהרט זיך,
די זעהען אַ לוין פֿאַר דער אַרבייט —
אַהינצו, אוי, רייסט זיך מיין זעעלע
און ציהט זיך מיין האַרציגסגעפֿיהל!

איך געה אום אין פֿעלד און הער צו זיך,
וואָס גאָט רעדט צו מיר דורך די קאָרן,

ווען ס'וואָלט אין אייך איין מילדער ווינטעל געבלאָזען,
און אָבגערוימט וואָלט ער דעם וועג צום יְשִׁיבָה,
וואָס איז אַזוי ווילד און אומענשליך פערלאָזען.
אין כ'ווים — אייער סוֹף ווי פערשוועכט איז און שרעקליך...
מיין אומגליקליך פאָלק, אָ, ווי לייד טוסטו מיר!
ווי טרוקען, פערשאָלטען דאַרף זיין שוין די נַחֲלָה,
אויב קערנער אַזעלכע פערשימלען אין איהר!...

(י. י. שוואַרץ).

דיי האָבען ווי רַחֲמִים געבעטען מיר שטיל.
און ס׳פלעגט יעדער בליק, יעדער קנייטש מיר דערצעהלען
פון לעבענס פון יונגע אין חשך דערשטיקט;
און ס׳האָט יעדער בליק, יעדער קנייטש טיעף אין הארצען
געברענט ווי מיט פייער, אויף שטיקער געפליקט.
נור ווען איך דערמאָהן זייער וויינענדיגע שטימע,
וואָס קלאָגט שפעט ביינאַכט ווי צובראָכען, פערשלאָפט —
דאַן וויינט מיר מיין האַרץ שווער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!
אויף וואָס געהט לְאִבּוּד די ריזיגע קראַפט?

מיין מַזָל בעשערט האָט ניט, אָרימע מענשען,
אַז איך זאָל אינאיינעם מיט אייך גיין פערלאָרען;
געפעלשט אין מיין תּוֹרָה, אין אַנדערע וועגען
בין איך אַליין איינזאַם, פערלאָרען געוואָרען.
ס׳איז אַנדערע צייטען... און ווייט פון אייך האָב איך
אין אַנדערע ערטער געשמעלט מיין מִזְבֵּחַ;
נור ג׳דענקען געדענק איך אייך אַלעמען אייביג,
עס געהט אייער בילד ניט אַרויס פון מיין מֹחַ!
כ׳געדענק אויך, ווי שטאַרק און געזונד איז דער קערן,
די זְרִיעָה, וואָס ליגט ב׳אייך אין פעלד טיעף בעהאַלטען,
ווי גרויס האָלט געוועזען די בְּרָכָה, ווען ס׳וואָלט אייך
איינאיינציגער ווארימער זון־שטראַהל אויפשפאַלטען;
פיעל וואָלטען מיר גאַרבען מיט שִׂמְחָה געשניטען,

און פאַלען אין שניי־ווייסען באָרד טיעף אַריין;
זיי פינקלען און גלאַנצען אַנטקעגען דעם ליכטעל
פון יונגעל מיט עפּעס אַ כּשופ׳דיג שיין.
וואָס רייסט זיך דיין האַרץ אין דיר, אַלטער? צי האָסט
אין יונגעל, אַזוי ווי אין שפּיגעל, געזעהן
דיין טרויעריג, עלענד פערגאַנגענעם לעבען,
דיין הונגערן, פריהרען — אַלצדינג, וואָס געווען?
דערמאָהנסט אויך די יאָהרען פון לערנען מיט ליעבע —
טאָ וואָס־זשע איז, אַלטער, דיין האַרץ זוי געריהרט?
דו האָסט איבער אַל׳ דיינע ליידען געשטאַרקט זיך,
גאָט האָט דיך צו לייכטען דורך חשך געפיהרט!
און אפשר גאר ווייזט דיר דיין האַרץ בּנבואה
די ריזיגע קראַפט, וואָס געהט אונטער אַלץ מעהר,
וואָס וועלקט, ווי אַ בלאַט אויפ׳ן ווינד, ווערט צוטריקענט,
און ס׳ווײנט דאָס דיין האַרץ אין דיר ביטער און שווער?
צי אָדער דו זעהסט יעצט די צוקונפט פון יונגעל,
דו זעהסט אַ פּער׳בלאָנדזעטע שעפּס גאָר אָהן מאַכט,
וואָס געהט אין דעם שרעקליכען שטורים פער׳לאָרען,
און בלינד, ווי אַ וואָרים אין דר׳ערד, און פערשוואַכט?

איך האָב אין מיין יוגענד געהערט זייער שטימע,
די בלאַסע געזיכטער געזעהן זעהר פיעל;
די קנייטשען פון שטערן, די אויגען די גרויסע, —

דעם מאַהך אייך פון אייערע קעפּ איבערגעזויגען?
צי שרייט איהר צו הילף און איהר רופט אייער גואל,
ער זאָל אייך בעפרייען פון שרעקליכען שמאַרץ;
אַנ׳אויג, זאָל זיין, וועלכעס זאָל זעהן אייער אַרבייט,
בערשטעהן אייער וועהטאָג — אַ פיהלענדעס האַרץ!
אומגליקליכע מענשען! עס הערט ניט קיין אויער!
אַזוי ווי אַ תְּפִלָּה, וואָס לאַנג איז געוואָרען
פערטראָגען פון ווינד און פערגעסען פון מענשען,
זוי געהט אייער ביטערער זיפץ אויך פערלאָרען!

נור איינער איז דאָ, וועלכער הערט צו אין שטילקייט
דעם קלעגליכען קול פון דעם מַתְמִיד, זיין זאָרגען,
זיין טרויריג געוויין און זיין שמערצליכען נִגוּן,
וואָס שוועבט אויף די פליגלען פון פריהיגען מאָרגען, —
דער ראש הַיְשִׁיבָה, דער אַלטער און גרויער.
ס׳איז שטענדיג זיין אויער צו הערען איהם אָפען —
עס לאָזט איהם דער קול פון דעם מַתְמִיד דער ערשטער,
דער פּיפּס פון זיין פויגעל, עס לאָזט איהם ניט שלאָפען!
ער ליעבט דאָן צו הערען דעם קול פון דעם מַתְמִיד
אין שטילקייט, ווען ס׳פליהען די קלאַנגען און שוועבען...
דאָס הערט ער דעם אָבקלאַנג פון אייגענער יוגענד,
דאָס זעהט ער די קייט פון זיין גייסטיגען לעבען.
און ס׳קייקלען אַראָב זיך צוויי טרעהרען, ווי פּערל,

און וואָס מעהר ער טרוימט, מעהר ציהט צו זיך זיין האַרץ
צום ווינקעל צום ענגען, דער גְמָרָא דער ברייטער,
צו ליעבען זיין הונגערן, טרויער און שמאַרץ,
און ס׳ברעכט אוים זיין קול מיט בעגייסט׳רונג בעפליגעלט.
נור ווער אונזער גייסט מיט גיפט־טראָפּענס פערביטערט?
צורייסט אונז דאָס האַרץ מיט אונענדליכען צַעַר,
וואָס קלינגט אין די גְמָרָא־נְגוּנִים און ציטערט?
נור דער, וועלכער געהט פאַרביי פאַר דער יְשִיבָה
אין פריהיגען מאָרגען, צי שפּעט אין דער נאַכט
און הערט דורך אַ ליכטיגען פענסטער, ווי ס׳טראָגט זיך
אַנ׳איינזאַמע שטימע, וואָס ווײנט שטיל, פערטראַכט;
וואָס גיסט אויף דעם סוד׳ענדען ווינטעל אין שטילקייט
אַ צַעַר, וואָס איז אָנגעזאַפּט דורך מיט פערגניגען, —
נור דער קאָן פערשטעהן ווי ס׳איז שטעכעדיג־ברענענד,
ווי שמערצליך, ווי טרויריג עס איז אָט דער נִגוּן!

ווער האָט אייער שטימע מיט גיפט אָנגעטרונקען?
וואָס יאָמערט און קלאָגט אייער טרויריג געזאַנג?
בעווײנט איהר דאָס איי׳רע בעגראָבענע יאָהרען,
צי ס׳איז אייך אויף אייער פערגאַנגענהייט באַנג?
צי דרויף, וואָס איז חָרֵב די וועלט אייך געוואָרען,
צי דרויף, וואָס די יוגענד איז פון אייך פערפלויגען?
צי ווילט איהר אויפלעבען די ווערטער, וואָס האָבען

אין לייטער פון תּוֹרה אין ריזיגען הויכען,
ווי ווייט איז דער שטאַפּעל פון גאוֹנים פון זיי שוין? —
ס'איז גרינג דען אָזאַ מין מַדרֵגָה דערגרייכען?
און ווידער דאַן האָפּט ער... דען ס'האָבען די בלומען
פון האָפנונג זיין גייסט זיין צובראָכ'נעם פערטריבען;
זיי ווייזען דעם יונגעל אַ לוין פאַר זיין אַרבייט,
זיי ציהען זיין האַרץ צו זיין ווינקעל צום ליעבען.
און גלייך איינער שלייפט אַ שטיק שטאָהל אָן אַ שאַרפשטיין.
אַז ס'שפּריצען אָב פונקען און פליהען מיט כּחַ,
אַזוי שלייפט ער איך אָן די סוּגיות די האַרבע
און ענגען און דונקעלען ווינקעל זיין מֹח.
און ווינטער ביינאַכט, ווען ער האָט אויף אַ סוּגיָה
אַ האַרבער, געמאַטערט זיך לאַנג און בענומען —
אַ סוּגיָה, וואָס האָט איהם זיין מאַרך אויסגעטריקענט —
דאַן איז איהם, גלייך ער וואָלט אַ שטאָדט איינגענומען;
דאַן טרוימט ער פון טאָג, ווען ער ט'קערען אַהיים זיך:
די סְמִיכָה אין האַנד און בעלאָדען מיט תּוֹרָה,
זיין שֵׁם טוֹב אין שטאָדט און די עלטערנס שִׂמְחָה,
וואָס דאַנקען פאַר איהם און זיי לויבען דעם בּוֹרֵא;
זיין נאָמען, וואָס יעצט איז פערהילט אין אַ חֹשֶׁך,
וועט קלינגען פון „מיר ביז וואָלאָזין" און גלענצען,
און ס'וועלען איהם תָּמִיד גאָטס=פאָרכטיגע יודען
מיט כָּבוֹד און ליעבע דערמאָהנען און בענשען.
דערוויל — „אָמַר רָבָא, אוי, אוי, אָמַר רָבָא"...

פֿון אייביג האָט ווינקלען און שאָטענס געזוכט:
גאָטס האַנד האָט בירושה פֿון טאַטעס צו קינדער
דורך חושך צו לייכטען געבראַכט אונז איהר ליכט.
אין קעלערס, אויף בוידימער — לערנען בגנבה
דאָרט האָבען זיך אונזערע קינדער בעהאַלטען, —
אַראָב צו אונז זענען פֿון בוידימער גאונים,
און ליכטער אַרויס פֿון די פֿינסטערע שפּאַלטען.
אין אָרימקייט, צער האָט אויך זיך די יודישע
אומה ביז היינט אויף דער וועלט אויפגעהיט, —
פֿאַרוואָס־זשע זאָל באַנג זיין דעם מתמיד דעם יונגעל,
ווען מ'האָט איהם אין ווינקעל אין ענגען פֿערשמידט?
אויף אויסוועניג קאָן ער שוין גאַנצע צוויי סדרים
גמרא, אויף אויסוועניג אותיות צו צעהלען!
און ס'קוקען די בחורים אָן איהם מיט קנאה
און זעהען פֿאַראויס איהם אַ צוקונפֿט אַ וואוילען.
ווי גוט און ווי וואויל איז דעם אָרימען יונגעל!
וו'אַזוי זאָל זיין האַרץ אין איהם טיעף זיך ניט פֿרעהען,
ווען ר'זעהט פֿאַר זיין מיה פֿאַר זיין שווערער אַ לוין באַלד;
מען רופֿט איהם אי מתמיד, אי עלוי, אין צווייען.
עס פֿינקעלט איין קרוין אויפ'ן קאָפּ פֿון אַ קעניג,
מיט איין לאָרבער־קראַנץ, און ניט מעהר, טוט מען לויגען
דעם קאָפּ פֿון אַ העלד, פֿון אַ געטליכען דיכטער, —
דעם קאָפּ פֿון דעם יונגעל בעצירען צוויי קרוינען!
אי מתמיד, אי עלוי — דאָס זענען צוויי שטאַפּלען

די זון זאָל איין שטראַהל האָטש אין ווינקעל פּערוואַרפען!
בעלייכטען אַ ביסעל דעם חשך אָהן ברעג!
פון ערגעץ־וואו נעהמט זיך אַ שפין דאַן אַ גרינער
און וועבט זיך זיין שפינוועבס אין ווינקעל אין שוואַרצען,
דער חשך אַרום ווערט אַלץ שווערער, גערוכטער,
און קאַלט איז און פינסטער ביים יונגעל אין האַרצען; —
דאַן פיהלט אויך דאָס יונגעל, אַז ער איז פערגעסען,
זיין וועל איז פערוויסט און פערלאָזען געבליבען,
ער שפירט, אַז זיין קראַפט ווערט אַלץ וועניגער, שוואַכער,
דער פלאַם פון זיין האַרץ איז כמעט ווי פערטריבען.
און ס'קלינגט דאַן זיין קול ווי אַ שטים פון אַ מענשען,
וואָס מיד איז זיין זעעלע און געהט אויס אין אומער,
אַ קול פון אַ האַרץ, וואָס איז קראַנק און געשלאָגען
און פול מיט תחנונים און גאַליגען קומער.
און ס'הערט צו אַ קלעגליך געוויין דאַן זיין לערנען
און ס'יאָמערט און געהט אויס אין בעטען זיין האַרץ...
צי נעהמסטו פאַר ליעב אָן, מיין קינד, די יסורים?
צי וויים ער זיין אומגליק? צי פיהלט ער זיין שמאַרץ?...

זיין אומגליק? פאַרוואָס? אָ, ווער קאָן עס דערוויסען,
אַז מענש איז צו בעסערס בעשאַפען אין לעבען?
פאַרוואָס זאָל דאָס יונגעל ניט זיין אויך צופרידען
מיט דעם, וואָס עס האָט איהם זיין ווינקעל געגעבען?
די תורה, די ברייטע, די ליכטיגע תורה

האָסטו נאָך ביז היינט גאָר איהר קול ניט געהערט... —
און האָסט יעדען קלענסטען פערלאַנג פון נְשָׁמָה
מיט ד'אייגענע הענד אין דיין יוגענד דערשטיקט;
און יעטווידער בלום, וועלכע שפּראָצט דאָרט בעהאַלטען,
האָסטו אָהן רַחֲמָנוּת צוריסען, צופליקט.
ביז וואַן ס'איז דיין זעלע פערמאַטערט געוואָרען
און איז איינגעשלאָפען, פערהונגערט, בעטריבט
פון דורשט און פון לוסט, וואָס איז קיינמאָל בעפרידיגט, -
ניט זי האָט — קיין צווייטער האָט זי ניט געליעבט...
און ד'אויגען, די ליכטיגע אויגען, וואָס זענען
בעשאַפען געוואָרען צו זעהען די וועלט,
די זענען, קיין זאַך ניט פערלאַנגענד, פערפינסטערט
און ווערען אין חשך פערהילט און פערשטעלט...
און לעבט אין אַ לעבען, וואָס איז שוין לאַנג בָּטֵל,
און קריכט ווי אַ שפין אויף אַ וועג, וואָס איז וויסט, —
צו וואָס זען'ן אַזוינע נְשָׁמוֹת בעשאַפען?
וואָס געהן זיי פערלאָרען אין לעבען אימזיסט?

ס'פלעגט טרעפען אַמאָל אויך: דער גייסט פון דעם יונגעל
פלעגט ווערען פון מיה פון דער שווערער פערביטערט,
און ווינטער, ווען הימעל און ערד איז פערחמאַרעט,
עס קלאָגט בייז דער שטורים און רייסט און געוויטערט;
עס שלעפען זיך טרויריג די פינסטערע וואָלקענס,
און ס'ציהען זיך לאַנגזאַם, אָהן לעבען, די טעג...

צי האָט איהם זיין אָרימער פאָטער דערמאָהנט זיך,
זיין עלענדע מוטער? און האָט זיך פערבענקט?
און ס'רייסט זיך זיין האַרץ, ווי אַ פויגעל אין שטייגעל,
און צאַפּעלט זיך שמערצליך, פעראומערט, פערקרענקט.
ווי זיי, וואָס דערמאָהנען אין איטליכער תּפילה
זיין נאָמען טאָג־טעגליך, און בעטען דעם בורא,
און וואַרטען אויף איהם, ווי מען וואַרט אויף משיח —
ווען קומט ער צוריק מיט דער קרוין פון דער תּורה?
ווער קאָן די מחשבות די יונגעלשע וויסען? —
נור שטענדיג, ווען ס'געהט ווער פאַרביי פאַר'ן הויז,
שטעלט אָב זיך צו הערען דעם טרויריגען ניגון,
וואָס געהט פון צובראָכענעם האַרצען אַרויס.
און ס'רייסט זיך אַ תּפילה אַרויס איהם פון האַרצען
און פליהט מיט אַ זיפץ אויף דעם שוועבענדען ווינד:
„געבענשט איז דאָס קינד, וועלכעס מיהט זיך אין תּורה.
און וואויל איז דעם טאַטען, וואָס האָט אַזאַ קינד!"

„אוי, אוי, אָמר רָבָא"... און דאָס, וואָס עס שרייט דיר
דאָס לעבען מיט הונדערטער־טויזענדער שטימען, —
האָסטו פון דעם אַלעם, אַזוי ווי אַ שטומער
און טויבער, אַ שאָרך ניט געהערט, ניט פערנומען;
און דאָס, וואָס עס שרייט דיר דיין קראַנקע נשמה
פון טרוקענעם האַלז ווי פערמאַטערט, פערשווערט,
אַז ס'געהען דיר ביסליכווייז אויס דיינע קרעפטען,

די זון איז צו מַעֲרָב־זייט טיף שוין געזונקען,
איהר שטראַהל אויף דעם לעצטען מיט זיך צוגענומען,
און נידעריג ווערען די שטימען און שטילער
און גלייך ווי פון פליגען דאָס רוישען און זשומען.
צום סוף האָט דער שַמָש צו מִנְחָה גערופען,
און אויפגעהערט האָט באַלד צו טומלען, צו רוישען,
און גיך ווערט דאָס דאַווגען געענדיגט, און ס'איילען
די בָחוּרִים אַלע אַנטלויפען אין דרויסען.
אין וואַלד און אין פעלד! דאָרטען לעבען אויף שאַרבענס,
וואָס האָבען פון יוגענד קיינמאָל ניט געוואוסט,
וואו ס'רויטלען זיך עפּעל און בעקליך פון מיידליך,
וואו ס'אָטעמט מיט חֵשֶק און כֹּחַ די ברוסט!
עס קלאַפּט דאָס האַרץ מוטיג און פרייער און שטאַרקער,
די לופט איז דערפרישענד און דורכזיכטיג קלאָר;
עס ווישט אָב דער בָחוּר דעם שווייס פון זיין שטערן,
א ווינטעל ריהרט שטיל די צושויבערטע האָהר.
ס'איז שטיל אין יְשִיבָה. עס שטעהען די ווענד דאָרט
פערהילט און פערוויקעלט אין שאָטענס, אין דונקעל.
פון אַלע תַּלְמִידִים זען'ן מעהר ניט צוויי פְּרוּשִים
געבליבען און רעדען זיך דורך שטיל אין ווינקעל. —
דאַן דרינגט פון דעם ווינקעל א וויינענדע שטימע
און ברומט ווי א טויב אַזוי האַרציג און באַנג.
וואָס ברומט און וואָס קלאָגט זיך זיין קרענקליכע האַרץ טיף?
וואָס וועהטאָגט און שמאַרצט זיין פערטרויערט געזאַנג?

מיין וועלע אַלס קָרְבַּן דער תּוֹרָה אויפבּרינגען?
קאָן זיין, וועט מיין שֵׁם־טוֹב די וועלט ווען אָנפּילען,
און ס'וועט פון מיין ווינקעל מיין נאָמען אויפקלינגען!"
„אוי, תָּנוּ רַבָּנָן... אויך רַבִּי עֲקִיבָה
אַ פּאַסטוך געווען איז ביז פערציגסטען יאָהר —
און האָט ווי אַ שטערן זיין פאָלק אויפגעלויכטען, —
און איך בין אַ יונגעל אַ יונגער דאָך נאָר"...
„גאָט, נעהם ביי מיר צו, וואָס דו ווילסט און פערלאַנגסט נור,
איך גיב ביי דער הייליגער תּורה דאָס וואָרט:
איך שווער, ס'זאָל מיין קול שטענדיג קלינגען אין תּורה,
איך שווער ניט צו ריהרען זיך קיינמאָל פון אָרט.
און פריה וועט דער מאָרגען אויפוועקען פון שלאָף מיר,
קיין רוה זאָל ניט וויסען מיין ליידענדע ברוסט,
ביז שַׁ"ס וועל איך ענדיגען, און שטילען מיין האַרץ,
ווען פול וועט דאָס זיין פון דער תּורה מיט לוסט!"

דערום — „אָמַר רָבָא"... און פול נייע קרעפטען
האָט מעכטיג זיין שטימע די לופט דורכגעריסען;
מיר דאַכט, אַז אַ שיין ט'זיך אויפ'ן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ
אַזוי פיין ווי'אַ גַן־עֵדֶנשער שמייכעל בעוויזען. —
די שְׁכִינָה שעפּט נַחַת פון רייד פון דעם יונגעל;
און אֶפְשֶׁר גאָר לאַכט זי פון איהרע קָרְבָּנוֹת,
וואָס שליסען זיך איין אין דער פינסטערער תְּפִיסָה,
בעגראָבען די יוגענד דאָרט גאָר אָהן רַחֲמָנוּת?...

דאָס איינזאַמע, עלענדע, אָרימע יונגעל,
וואָס גיסט אויס זיין האַרץ אין די בלעטער פון תַּלְמוּד
מיט קלאָגענדע טענער אין פינסטערען ווינקעל?
ער שטעהט פון בעגינען און פיהלט ניט קיין שוואַכקייט
און לערנט מיט חֵשֶׁק, מיט היץ און מיט קראַפט.
די זון זינקט צו מַעֲרָב־וויט נידריג אַראָב שוין
און הייזעריג הערען די שטימען, פערשלאַפט;
ס'ווערט יעדערער מיעד, יעדער האַלז ווערט צוטריקענט,
מיט אונגעדולד וואַרטען זיי שוין אויף די שָׁעָה,
ווען דער שַׁמָשׁ וועט קומען און אויסרופען: מִנְחָה!
דער אָווענד, דער לאַנג שוין בעגעהרטער, איז דאָ!
אין שיין פון דער זון, וואָס געהט אונטער, און וועלכע
בעדעקט ווי מיט פורפור, בעגילדעט דאָס הויז,
פול חסד, הַנָאָה טוט אָב זיך די שְׁכִינָה
און גליטשט אויף אַ גאָלדענעם שטראַהל זיך אַרויס.
ס'פער'גנבעט אַ גאָלדענער שטראַהל זיך אין ווינקעל,
בעדעקטען מיט פינסטערע שאָטענס געדיכט,
און ס'צינדען זיך בראַנד־רויטע פלעקען דאָרט אָנעט,
און ס'ציטערט, און ס'וואַרפט זיך דאָס שיינענדע ליכט; —
אַזוי לאָזט זיך הערען דאַן ליעבליך און מעכטיג
דאָס קול פון דעם מַתְמִיד, וואָס קלינגט העל און פריש,
ווי'אַ קינד אַ פערבענקטס, פול קְדוּשָׁה און ליעבשאַפט,
קלינגט מעכטיג זיין קול דאַן בעגייסטערט און זיס.
„אוי, תָּנוּ רַבָּנָן... ווער ווייס, אויב איך וועל יעצט

ער האָט אין דער גְמָרָא זיין גאַנצע נְשָמָה
אויס אייביג, אויף אייביג, פערזונקען, פערשלאָסען!

„אוי, אוי, אָמַר רָבָא, אוי, אָמַר אַבַיֵי!"
צי דאָ איז דער אָרט, וואו עס שאַפט זיך די וועלט
פון פאָלק, און עס פלאַנצט אין איהם ס'אייביגע לעבען?
צי דאָ פליסט פון וואַרימען פאָלקס-בלוט די קוועלע?
צי דאָ זענען ליכטער אין צוקונפט, וואָס שאַפען
און שמידען דעם פאָלק אויס אַ אייביגען גייסט?
דען וואָס איז די פלאַמען, וואָס זענען די קולות,
וואָס טראָגען צום הימעל די זעעל אַזוי דרייסט?
ווער האָט אין די בלעטער אַ כִשוף בעהאַלטען?
מיט וואָס פאַר אַ קראַפט זעג'ן די ווערטער דורכדרונגען,
וואָס צינדען אָן פלאַמען אין דונקעלע אויגען,
און האַקען פון הערצער דערשלאָגענע פונקען?
„אוי, אוי, אָמַר רָבָא!" — צי הערסטו, צי פיהלסטו
די ליעבשאַפט די גרויסע, וואָס פלאַקערט מיט גלוט?
צי רייסט זיך דיין האַרץ ניט אויף צוויי פון די ווערטער,
וואָס האַקען אויס פונקען און שפּריצען מיט בלוט?
צי גיט דיר אַ מעכטיגע האַנד ניט אַ שליידער
אין ענדלאָזע הויכקייט, אין וויטקייט אָהן ברעג?
און גלייך ווי אַ פיש אין דעם נעץ, אַזוי צאַפּעלט
און רייסט זיך דיין האַרץ אין אַ שטורמיגען שרעק?
פערשטעהסטו, וואָס קלאָגט דאָרט, וואָס וויינט דאָרט זוי טרויריג,

אַ פֿויגעל־געזאַנג נעהמט אַרום זי פֿון דרויסען,
פֿון אינווייניג קלינגט אַ געפּילדער אַרוים.
אֲפִילוּ דער אַלטער פֿערלאָזענער דעמב־בוים,
וואָס שטעהט יאָהרען־לאַנג בּיי דעם פֿענסטער, אָהן לעבען,
די וואָרצלען פֿערטריקענט, פֿערעלטערט, און האָט שוין
זיין פּרוכט, ווינע נים, שוין לאַנג אויפֿגעהערט געבען, —
האָט אויך עפּעס ווי אויפֿגעוואַכט איצט צום לעבען,
און פֿייכט איז פֿון נאַכטיגען טוי נאָך זיין קאָפּ;
ער זעהט איצט די פֿייגעל ווי אייגענע קינדער,
וואָס גריסען איהם פֿריינדליך מיט לידער אַראָב.
און ס'גיסט זיך פֿול צויבער און כְּשׁוּף דאָס לעבען,
ס'פֿערשטראָמט און פֿערפֿלייצט אויך די ערד מיט זיך גיך;
זאָל יעדער מענש זעהן און טועף שעפּען פֿערגניגען,
און לעבען — ווער ס'האָט אַ נְשָׁמָה אין זיך!
דאָך ס'ריהרט זיך פֿון אָרט ניט נור איינער, דאָס יונגעל,
עס אָטעמט ניט פֿריי זיין פֿערמאַטערטע ברוסט —
ס'איז שטאַרקער פֿון שטיין און פֿון אייזען אַ יונגעל
אַ יודישם, וואָס לערנט די תּוֹרָה מיט לוסט!
אַזוי שטעהט דאָס יונגעל טאָג־טעגליך אין ווינקעל
פֿון פֿריהיגען מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט;
ער טיילט איין אין טיילען זיין טאָג: איינס פֿאַר זיך, און
דריי האָט ער אַ קָרְבָּן דער תּוֹרָה געבראַכט.
און איינזאַם, געשמידט צו זיין ווינקעל, דאָרט שטעהט ער,
דאָס פָּנִים געקנייטשט, מיט אַ בלאַסקייט בעגאָסען;

און ס׳בליצען מיט ליכטיגע פונקען די אויגען,
און ס׳שאָקעלט זיך, פול מיט בעגייסט׳רונג, דאָס יונגעל.
ס׳איז רויט שוין די מִזְרָח=ווייט הימעל געוואָרען,
און פרעהליך, דערפרישט האָט די ערד אויפגעוואַכט;
ס׳זאָגט יעדעס בעשעפעניש שִׁירָה צום בּוֹרֵא,
און ס׳קלינגען די פייגעל און זינגען, אַ פּראַכט!
אויך קומען די בָּחוּרִים שוין אין יְשִׁיבָה
מיט לאַנגע און שווערע גְמָרוֹת צוזאַמען;
עס לויכטען די פְּנִים׳ער, גלאַנצען די אויגען,
ווי קינדער, וואָס איילען מיט פרייד צו דער מאַמען.
און מונטער, מיט היץ, הויבט זיך יעצט אָן דאָס לערנען,
עס קלינגט די יְשִׁיבָה מיט הילכיגע קלאַנגען;
עס לויבען, עס בעטען דאָס, דאַכט זיך, דעם בּוֹרֵא
און דאַנקען איהם האַרציג די לעבענס=געזאַנגען.
אין דרויסען, גלייך איבערן פענסטער, וואַכט אויף אויך
דער נעסט פון די שוואַלבען, און ס׳זינגען די קינדער
אַ לויב=ליעד דער זון, וועלכע קאַרגט ניט קיין שטראַהלען
און לעבט אויף די ערד און בעצירט זי אויף וואונדער.
עס ליעבט אויך די זון זיך פערקלייבען אין הויז פון
דער גרויסער יְשִׁיבָה יעטווידער פריהמאָרגען
און אויסקעהרען דאָרט מיט איהר גאָלדענעם בעזים
די שאָטענס, וואָס האָבען זיך טיעף דאָרט פערבאָרגען.
די זון פילט מיט ליכט אָן די דונק׳לע יְשִׁיבָה,
טאַפּצירט איים מיט גאָלד אַלע ווינקלען פון הויז;

אַ קלאַפּ אין דעם פּאַרקאַן פון גאָרטען דערמאָהנט דאַן
דעם יונגעל, אַז ער האָט פערבלאָנדזעט פון שטעג;
ר׳דערמאַהנט זיינע פליכטען, זיין ווינקעל, זיין לערנען,
און קעהרט זיך אום ווידער, געהט ווידער זיין וועג.

עס הערשט אין יְשִׁיבָה אַ הייליגע שטילקייט.
דער ערשטער צושטערט זי דער מַתְמִיד, דאָס יונגעל;
עס וואַרטען אויף איהם דריי חֲבֵרִים, מיט וועלכע
ער איז שטאַרק בעפריינדעט אין פינסטערען ווינקעל:
דער שטענדער, דאָס ליכט און די ברייטע גְמָרָא.
ער איילט צו די פריינד, קיין מינוט צו פערלירען,
און הויבט גלייך אָן לערנען מיט לוכט און מיט חֵשֶׁק,
און טוט ווי אַ טשוועק פון זיין אָרט זיך ניט ריהרען
דעם טאָג דורכאַנאַנד ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט.
דאָרט עסט ער אין ווינקעל זיין שטיק שוואַרצען ברויט, —
ס׳איז שטאַרקער פון שטיין און פון אייזען אַ יונגעל
אַ יודישס, וואָס לערנט די תּוֹרָה דורך נויט!

„אוי, אוי, אָמַר רָבָא, אוי, תָּנוּ רַבָּנָן!“
דער מאָרגען, דער גאָרטען, די רֵיחוֹת פון פעלד
איז גלייך ווי אַ וואָלקען צורונען געוואָרען,
פערגעסען, פערשוואונדען איז אַלץ אין דער וועלט.
די וועלט און אַלצדינג איז נור דאָ — אין יְשִׁיבָה,
און ס׳לויכטען איהם טויזענדער זונען אין ווינקעל;

דו האָסט אונז אַ זומער־טאָג לאַנגען און שווערען
געמאַטערט, געפּייניגט ביז שפּעט אין רער נאַכט;
געה לעג זיך און מיר וועלען אויך זיך אויסרוהען:
מיר זענען פון אַרבּייטען שוואַך אָבגעשוואַכט!"
נור ס'פיהרט פלוצלונג איבער די אויגען דאָס יונגעל
זיין מאָגערע האַנד — און אַוועק דער געדאַנק!
און ס'הערען די ליידיגע פינסטערע גאַסען
פון איילענדע טריט און געשווינדע דעם קלאַנג.
ס'פערקלייבט זיך דער ווינד דאַן אין גרינס פון'ם גאָרטען
און גלעט און שטיל מורמעלט וויס־ליעבע געזאַנגען:
„זעה, קינד מיינס, ווי ווייך איז און פריש מיין געלעגער,
לעב אויף נאָך, כּל זמן ס'איז דיין לונג ניט צוגאַנגען!" —
„אויך מיר שלאָפען", — שעפּטשען די גראָזען פון חלום,
וואָס שטעהען מיט טוי ווי מיט פּערלען בעצויגען.
עס ווינקען די גאָלדענע שטערען פון הימעל:
„אויך מיר שלאָפען רוהיג מיט אָפענע אויגען!"
און ריחות פון גראָזען און בלומען בערוישען,
טיעף פילען אָן ס'יונגעל מיט לעבען און לוסט;
אַ גאַנצער שטראָם לופט גיסט אַריין זיך אין האַרצען,
און גרינגער דאַן ווערט זיין פיעל־ליידענדער ברוסט.
דאַן לאָזט ער די הענד אָב מיט שוואַכקייט, אָהן קרעפטען
אַזוי ווי ער וואָלט בעטען: „טראָג ווייטער מיך, ווינד!
דאָ איז מיר דער אָרט ענג, דאָ בין איך פערמאַטערט,
אָ, טראָג מיך פון דאַנען אַוועק, גיך, געשווינד!"

דאָס האָהן־קרעהען טוט וייער רוה אויך ניט שטערען,
און איידער ס'ערוואַכען גאָטספאָרכטיגע יודען
צו דיענען דעם בּוֹרֵא, איהם לויבען און עהרען;
ווען ס'וואַרט די נאַטור צו ערוואַכען צום לעבען
צום נייעם, און שווייגט זיס פער'כּשוּפ'ט און שטיל,
גלייך ווי זי וואָלט טרוימען איהר חָלוֹם דעם לעצטען,
בּעהאַלטענדיג טיעף אַ געדאַנק, אַ געפיהל
נ'די פאַלבען פון שוואַרצען, פון אַטלאַסנעם קלייד;
און שטיל און בּעזאַכט טראָגט זיך ערגעץ אַ ווינד, —
דאַן וואַכט אויף פון שלאָף פון זיין קורצען דאָס יונגעל,
קליידט אָן זיך און לויפט צו זיין ווינקעל געשווינד.
עס הערט נור דאָס זיסע, דאָס גלעטענדע ווינטעל
די טריט פון דעם יונגעל. וואָס געהט זיך זיין וועג;
און שטערען נור זעהען איהם הויך אינ'ם הימעל,
אין הימעל דעם טיעפען אָהן שיער און אָהן ברעג.

דאַן טרעפט, אַז עס שפּרינגט, מַעֲשֵׂה שָׂטָן, אַנטקעגען
אַ שטיפעריש ווינטעל, וואָס וואַרימט און גלעט;
עס קרייזעלט די פֵּאוֹת פון יונגעל מיט ליעבשאַפט
און סוֹד'עט איהם זיס אויף זיין אויער און רעדט.
און שווער קלעפּען צו זיך די בּרעמען פון יונגעל,
אַזוי ווי זיי וואָלטען געבּעטען איהם שטיל:
„האָב, בּרודער, רַחֲמָנוּת און לאָז אונז נאָך רוהען,
דו האָסט אונז, אוי בּרודער, געמאַטערט צו פיעל!

דער האָט מיט אַ פּסול'ען בוך זיך בעהאַלטען,
און דעם — ווייס מען סְתָם ניט פאַר ווען און פאַר וואָס.
אויך טרעפט, אַז מען קלייבט וועמען אוים פאַר אַ חָתָן;
ער קריגט דאַן אַ דאָרפס־מויד — אַ מויד גראָב און דיק.
אויך מאַכט זיך, עס ווערט ווער אַ רַב אין אַ שטעדטעל —
אָ, וואויל איז דאָס דעם, וועמען ס'טרעפט אַזאַ גליק!
נור איינער שטעהט אַלץ צו זיין אָרט צוגעשלאָגען,
די מַעֲשִׂים, די יאָהרען נור הינטער איהם פאַלען;
און פאַר איהם? פאַר איהם שטעהט אַ וואַנד ווי פון אייזען,
אַ דונקעלער ווינקעל אָהן ליכט און אָהן שטראַהלען!

זינט ס'האָט זיך דאָס יונגעל אין ווינקעל פערקליבען,
האָט קיינער בעמערקט זיין אַוועקגעהן, זיין קומען;
דער שַׁמָשׁ צומאָל ניט געוואוסט האָט די שעה,
ווען ר'געהט אַהיים רוהען, און טוט צוריקקומען.
נעוואוסט דערפון האָבען ניט מעהר: די לְבָנָה,
דער פריהיגער מאָרגען, די פינסטערע נאַכט;
די זון האָט איהם קיינמאָל, קיינמאָל ניט געזעהען
בְּשַׁעַת זי שיט טויזענדער שטראַהלען און לאַכט.
בעגינען, ווען שווער איז נאָך אונטערצושיידען
„פון בלוי־פאַרב ביז ווייס, פון אַ וואָלף ביז אַ הונד",
ווען ס'גלאַנצען אין דונקעלער שטילקייט די שטערען
אין הימעל, וואָס האָט זיך פערשפּרייט הויך און רונד.
ווען ס'זענען נאָך אַלע אין שלאָף טיעף פערזונקען,

וואָס שטעהט נעבען פענסטער פון הויז טיעף פערטרויערט;
ווי ס'וואָלט גאָר קיין ליכטיגע נאַכט ניט געווען דאָ,
דער פריהלינג וואָלט גאָר ניט גע'כּשופ'ט, געצויגען,
און גלייך ס'וואָלט דאָס יונגעל גאָר יונג ניט געוועזען, —
אַזוי זענען גאַנצע זעקס יאָהרען פערפלויגען;

אין שטעהענד פערשימעלטען זומפּ, אין ישיבה,
פאַלט אויך ווען אַ נייעס אין לויף פון די יאָהרען;
עס האָבען די בּחוּרים אויך אין זיך הערצער,
און צוויי מאָל אין יאָהר ווערט דער עולם צופאָהרען.
און ס'ווערט די ישיבה צוריהרט און צורודערט,
פיעל געהען אַוועק, ס'קומען אַנדערע צו, —
פיעל וואַרפען אַוועק זייער טרויעריג לעבען
און לעבען צופרידען, אָהן דחקות, אין רוה;
און פיעלע בעזעצען אַרום זיך אין דערפער
און עסען זיך „טעג", ווי עס פיהרט זיך ביי יודען,
און ווייט פון דעם אויג פון דעם שטרענגען משגיח
בּכבודיג לעבען זיי דאָרט און צופרידען.
אויך טרעפט: מען טרייבּט פיעלע אַרויס פון ישיבה,
זיי געהען אַהיים מיט בּזיונות, פערשוועכט;
איינער — ווייל ר'פלעגט זיך מיט מיידלעך פערברענגען,
און דער שפּיעלט אין קאָרטען אַב גאַנצענע נעכט;
דער דריטער — ווייל ס'האָט איהם דער שמש געטראָפען
אום שבת זיך רויכערן אַ פּאַפּיראָס;

אָט דאָרט אין דעם הויז איז אױפגעװאַקסן אײן טאָג איהם,
נאָר גאַנצע זעקס יאָהר זענען דאָרטען פערפלויגען;
אָט דאָרט איז זיין יוגענד און קינדהייט פערלאָפען,
פערלאָשען דאָס ליכט פון די לויטערע אויגען.
קיין טאָג—נור זעקס יאָהר, זייט ער האָט צו דעם ווינקעל,
צום פינסטערען ווינקעל געווענדט זיין געזיכט;
געזעהן פאַר זיך האָט ער אַ וואַנד נור און שפּינוועבּס, —
קיין איינציגען שטראַהל ניט, קיין אָבּגלאַנץ פון ליכט.
זיין שטענדיגער הונגער, ניט-שלאָפען, זיין וועלקען, —
וואָס האָט ביי דעם יונגעל דאָס אַלץ פאַר אַ ווערט?
צי ווייס ער דען ניט ווי אַמאָל פלעגט מען לערנען?
צי ווערט ניט ביי יודען אַ לַמְדָן פערעהרט?

עס זענען זעקס יאָהרען פון קינדהייט און יוגענד
פערשוואונדען אָהן לעבען אַזוי ווי אַ שאָטען,
אַזוי ווי זיי וואָלטען דאָס הויז ניט בעריהרט גאָר
און גאָר ניט דעם ווינקעל פון יונגעל בעטראָטען;
אַזוי ווי ס׳וואָלט הינטער דער וואַנד אויסגעגאַנגען
דאָס לעבען מיט גאָר זיינע ליידען און פריידען,
און גלייך ווי די ערד וואָלט זיך ווינטער אין ווייסען
און זומער אין גרינעם גאָר אויפהערען קליידען;
די זון וואָלט זיך הינטערן פענסטער פערלאָשען,
און ס׳וואָלטען ניט וואַרמענד די שטראַהלען געלויערט,
זיך ברעכענדיג צווישען די צווייגען פון דעמבּ-בוים,

מאַרכעסאַ... מאראנטע

# דער מַתְמִיד.

ס'איז דאָ נאָך פערוואָרפענע יודישע שטעדטליך,
אין וועלכע עס רויכערט נאָך, צאַנקט אונזער ליכט;
וואו גאָט האָט אַ גליהענדע קויהל נאָך געלאָזען,
וואָס גליהט דורך דעם אַש וואָס בעדעקט זי געדיכט;
און וואו-נים-וואו רויכערן ווי האַלאַוועשקעס
נְשָׁמוֹת פערשניטענע, נְשָׁמוֹת פערקלעמטע,
וואָס טריקענען, דאַרען, ווי גראָז אין דער מִדְבָּר,
פערעלטערט אָהן צייט, פון דעם לעבען פערשעמטע.
און אָפט ווען דו געהסט זיך אַליין איבערן שטעדטיל —
נ'אַ זומערדיג ליכטיגע פראַכטיגע נאַכט,
שטיל סוד'ען זיך גרעזליך און שטערענדליך פינקלען,
און זיס וועהט אַ ווינטעל פער'חָלום'ט און זאַכט, —
דאַן הערט זיך פון ווייטען אַ טרויריגע שטימע,
און ס'זעהען אַ שיין פון אַ ליכט דיינע אויגען
דאָרט ווייט דורך אַ פענסטער—איהם רייסט דורך אַ שאָטען,
וואָס וויגט הער און הין זיך מיט האַלב-שיין בעצויגען;
און ס'טראָגט זיך אַ נִגוּן, אַ וויינענדער נִגוּן,
וואָס נעהמט אָן ביים האַרצען אין שטילקייט פון נאַכט:
דאָס זעהסט אַ מַתְמִיד, וואָס האָט זיך אין תְּפִיסָה,
אין פינסטערער תְּפִיסָה גוטוויליג פערמאַכט!

און כ'וועל שמידען מיט'ן האַמער:
קלאַפּ און קלאָפּ! וואָס מעהר אַלץ שטאַרקער;
און עס וועט פון וואַלד דער אָבקלאַנג
ענטפער'ן: „אָמֵן, שטאַרקער, שטאַרקער!"

און מיין האַרץ ווערט פול מיט קרעפטען,
וואָס ס'האָט קיינמאָל נישט געוואוסט —
שטאַרקער, מוטיגער ווי פריהער
וועט עס קלאַפּען אין מיין ברוסט...

(ז. שניאור און י. י. שוואַרץ).



ווען דאָס האַרץ וועט ווערען ליידיג,
גאָר אָהן לעבען פוסט און קאַלט,—
טראָג מיך, ברייננ מיך הינטער׳ן שטאָדט ווייט,
דאָרט איז פאַרהאַן אַ טיפער וואַלד...

ס׳שטעהען שטאָלץ די הויכע סאָסנעס,
ווי די זיילען אין אַ שלאָס.
אַלץ איז גרייט און ריין... מען וויס נישט,
צוליב וועמען, צוליב וואָס...

ס׳שטעהט דער וואַלד פערקלערט, פערזונקען
אין אַ טיפען, ווייסען סוד.
אויף אַנ׳אונבעפלעקט מזבח
איז ער מַקְרִיב שניי צו גאָט...

און דער שניי גלאַנצירט אונשולדיג.
כ׳וויס אין יענעם וואַלד אַנ׳אָרט,
ס׳איז דאָ דאָרטען אַ קאָוואַדלע
ס׳איז אַ האַמער אויך דאָ דאָרט!

ווי אַ שווערד פון שייד, מיין שוואַכעס
האַרץ וועל איך דאַן אַרויסציהען,
אויפ׳ן שטאָהל וועל איך איהם לייגען,
אויפ׳ן פראָסט וועל איך איהם גליהען...

אֶמֶת, כ׳בין אַ יְשִיבָה־בָּחוּר,
מיין געזיכט ווי קרייד איז ווייס;
נאָר אין זיך פאַרבאָרג איך קרעפטען
אונטער אַ דיקען פאַנצער אייז.

און מיין אייז — עס שמעקט מיט פריהלינג,
וואָס איז פול מיט פראַכט און לוסט.
אַזאַ נייעם, פרישען פריהלינג
האָט קיין מענש נאָך נישט געוואוסט!

וואָס־זשע ברומט איהר טעלעגראַף־דראָטען
מיט אַ ווילדען הערבסט־געראויש?
ס׳פלייצט אין האַרץ אַ שטראָם פון לעבען,
רייסט זיך, בעט זיך אַלץ — אַרויס!

אַראָב די מָרָה־שְחוֹרָה!
זעה, ווי שען די וועלט איז פערצירט!
כ׳וויל דעם לעבענס־כוֹס אויסטרינקען,
איידער ס׳האָט איהם ווער בערירט!

לאָמיר זופען פון דעם בעכער,
לאָמיר אויסזויגען ביז דעק,
און צוגיסען היץ און יוגענד
אַלע כחוֹת אָהן אַ ברעג!

אין פּורפּורנע, בלויע נעצען
יאָגען—שניידען זיי דעם וועג...
וואַרפען, שפּריצען שניי־ראַקעטען
איין מינוט נאָר... פליה... אוועק!

ס'וויזען זיך נאָר אין דעם שטורעם,
וועלכער טראָגט אַהין און קריק,
ראָזע, פלאַמענדע געזיכטער,
פול מיט חֶדְוָה און מיט גליק.

פונקט ווי ס'וואָלט זיי אָנגענומען
אַ ווילד־חֵשֶׁק אָהן אַ ברעג,
מיט איין אָטעם לויפען, פליהען
אין גאָטס וועלט פון עק ביז עק!

אַלץ איז הֶפְקֵר! הוי, דו קוטשער!
טראָג מיך ווייט, געשווינדער, גיכער
אין די אומענדליכע ווייטקייט,
וואַרף מיין גייסט אין לעבענס־וויכער.

טראָג מיך ווייט! וואוהין? ניט פרעג מיך.
איינס איז מיר! אַ וואו נאָר ס'גליהט
חאָטש אַ פונק פון פרייד און לעבען
און אַ טראָפּען בלוט נאָר זידט.

V.

ס׳ציהט אַ רויך זיך פון די קוימענס,
קרויזט זיך, הויבט זיך שטאָלץ און לאַנג,
אַ ראָב, אַ לֶץ רייט אויף אַ חֲזִיר;
ויינע פליגלען — אַטלאַס־בלאַנק...

„שריק — שראַק, שריק — שראַק", קריצט דער שניי
און פון אַלע וייטען גאַס
הערט אַ קריעג זיך, ווי פון מעסערס,
וועלכע רייבען זיך מיט כַּעַס.

ווי אַ שווערדען־קלונג אין לאַגער
אומעטום נאָר קריצט און קראַכט —
פון דעם שניי, וואָס ווערט צוריבען
אונטער טריט מיט פעסטער מאַכט...

דאָס איז מאָרגען־טריט, וואָס סקריפען
פול מיט לעבען, פריידען פיעל;
ס׳פליהען פערד... די נעוער פאַרען,
ס׳קלינגען גלעקלעך: ציל, ציל, ציל...

## IV.

אוי, צושפּיל דיך פראַסט מיט וואוט,
סמאַליע, שטעך און ברען און גלוט!

גים דיין שטאָהל אין האַרץ בײַ מיר,
אויף מיין וואָנס דעם הויך בעפריהר!

און בעשמיד מיין ברוסט מיט אייזען,
טאָמער וועט זי זיך צורייסען

פון פיעל גְבוּרָה און פיעל וואוט.
הוליע, פראַסט, און ברען און גלוט!

שטריינג די מוסקלען אָן ווי שטריק
און מיין הויך אין האַלז פערשטיק!

פינקלענד, שטראַהלענד שעמעריר,
וואָס אַ מאָל אַלץ מעהרער פריהר!

און די ווייסקייט בלענדט און צויבערט...
אין דער הויך פון אויג פערבאָרגען
פלעכט אַ האַנד פון גאָלדענע שטראַהלען
טויזענד קרוינען דעם פריה־מאָרגען.

שטעהט אַ דעמב בעגלאָזט אינגאַנצען
יעדער צווייגעל—בליץ און בלאַנק
מיט די ווינטער־פייגלעך קלינגט ער
נאָכאַנאַנד אַ הוליע־קלאַנג...

כ׳שווער, אַז אַ בעפעהל אַ גרויסער
דורכגעגאַנגען איז די נאַכט:
„מאָרגען ז׳יום־טוב! גרייט אייך, גרייט אייך,
ציהרט אייך אָן אין ווייסען פּראַכט!״

און עס האָבען מאַרמאָר־ווייסקייט,
גאָלד און גלאָז אין אַלע גלאַנצען
גיך בעקליידט די הוילע בוימער
און פערפּלייצט די שטאָדט אינגאַנצען.

און עס האָט אַ שניי, אַ ווייכער—
שפּאָגעל ניי, אָט ערשט פון הימעל—
צוים און בערגעל איינגעהילט
און פערדעקט אויף ווי דעם שימעל...

קלאָרע ליילעכער צוקייקעלט,
הויפען, גאַסען אויסגעשאָטען,
זילבער־קייטלעך אָנגעהאַנגען
אויף די טעלעגראַפנע דראָטען.

טישטיכער געלייגט אויף דעכער
מיט קריסטאָל׳נע פרענז בעצירט.
ס׳שוועבט אַ גרויסער, ווייסער יום־טוב
אין גאָטס וועלטעל און רעגירט!

III.

ס׳האָבען דרויסען מיך בעגעגענט
גאַנצע מַחְנוֹת קאַלטע שטראַהלען,
האָבען מיר פערבּלענדט די אויגען
גלעטענד־שטעכענד מיך בעפאַלען.

און איך ווייס נישט, וויפיל זונען
האָבען גאָלד אויף מיך געשפּריצט...
ס׳האָט זיך ווייט ענטדעקט גאָט׳ס וועלטעל
און געפינקעלט, און געבּליצט...

וואו נאָר ס׳קאָן דאָס אויג דערגרייכען,
גלאַנצט גאָט ס׳וועלטעל, שעמערירט,
אויסגעשאָטען מיט בּריליאַנטען
און מיט דימאַנטען פערצירט.

ס׳איז דער פראָסט אליין דער מוֹשֵׁל,
שטאַרק און קרעפטיג איז דער ריעו,
ס׳דינען קעלט און שיין צוזאַמען:
דער אַלם נאָדעל; דער אַלם שפּיעז...

ס׳האָט די זון סוף־סוף דערטאַפּט מיך
טוז אין שטוב ... און אויסגעשאָסען
אַלע שפּיזען שײַן אין פּנים
און מיט קראַפט מיך אָנגעגאָסען.

ווייטער קוקט אַ טאָג אין פענסטער,
אַזוי קאַלט און קלאָר און זיכער,
ווייטער ווערט מיין האַרץ בעגייסטערט
און עס קאָכט אין איהם אַ וויכער...

ס׳ווערט מיין האַנד אַ פלעצעל אײַזען,
און ווי אויסגעשמידט מיין אָרעם,
כ׳וואָלט אַ לייב, מיר דאַכט, צוריסען
און צוטראָטען ווי אַ וואָרעם...

## II.

ס׳האָט דאָס אייז בעדעקט מיין פענסטער,
האָט די ליבע זון פערשטעלט,
נאָר אין מיטען האָט אַ פונק זיך
אָנגעצונדען און געקוועלט.

ס׳האָט אַ שטיפעריש מאָרגען־שֶׂר׳יל *)
זיך פערחאַפּט די גאָלדנע הערנער
און פערטשעפּעט זיינע גרייזלעך
אין אַ וועלדעל צווישען דערנער...

און ער פלאַטערט דאָרט, דער שטיפער,
רייסט זיך, פלאָנטערט זיך אַלץ מעהר;
פּלוצלינג גיט ער זיך אַ צאַפּעל,
און עס ווערט פון איהם אַ טרער...

און דערנאָך אַלץ טראָפּענס, טראָפּענס —
שווינקען אָב די שויב און פינקלען...
שפּרינגט אַריין אַ חַיִל שטראַהלען
און בעלאַגערט אַלע ווינקלען.

*) אין אָריגינאַל: „צפּריר" אַ תלמוד׳יש וואָרט, ד. ה. אַ באַגינען־רוח׳ל וואָס טראָגט פונאַנדער די בשורה, אַז די זון געהט שוין אויף.

גוטען מאָרגען, ווינטער־שפּראָצונג!
בּראַוואָ, קלֶיינער, מילדעָר וואַלד!

און אַ קאַלטער גלאַנץ, אַ קלאָרער
האָט מיין צימער פול געמאַכט,
גלייך עס וואָלט אַראָב אַ מַלְאָך
און עס אויסגעקאַלכט די נאַכט...

ס'האָט דער ווינטער־גלאַנץ דעָר פרישער
די נְשָׁמָה מיינס בּעניַיט,
פּונקט עס וואָלט אַ וויַיסער מַלְאָך
ד פון שמערץ און זינד בּעפרייט.

# ווינטער־ליעדער.

I.

פריהיג קעלט, אַ קרראַ פון ראָבען
האָבען מיר צושטערט מיין שלאָף,
און איך ווייס נישט, וואָס איז פלוצלינג
אויף מיך אַ יום־טוב־פרייד אַראָפּ.

און איך ווייס נישט, ווער ט'פערגאָסען
ריינעס גליק אין האַרץ ביי מיר,
וואָרום האָט מיין אָרים צימער
חן בעקומען אָהן אַ שיעור...

עפּיס אַנדערש איז מיין פענסטער,
אויסגעמאָלט איז עס מיט בלומען.
איבער נאַכט, ווי אויף אַהרנ'ס שטעקען,
איז איהם בליהונג אָנגעקומען.

סאָסנעס, דעמבעלעך בעשניימע,
און פון פּאַלמען די געשטאַלט.

# IV.
# פּרעמדע איבּערזעצונגען.

וועלען זיי אין וועג בעקומען
קאַלטע פּעטש מיט הייסע שמיצלעך.

פּאַטשען—וועלען שטרענגע חוואַליעס
שמייסען—וועלען ריטער־שטראַהלען;
פיש אין וואַסער וועלען זינגען,
שטומע שטיינער וועלען שאַלען...

און דער טייך, בעפרייט און גליקליך,
וועט זיך ברייט און ווייט צוגיסען
און דעם ליבען שענעם פריהלינג
מיט אַ שמייכעלע בעגריסען...

ידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

עפּיס נעצט דאָרט, עפּיס פּלאַצט דאָרט,
עפּיס שפּאַרט דאָרט אין די ווייטען.

עפּיס רודערט זיך דאָרט אונטען...
באַלד, אָט באַלד וועט זיך בעווייזען
וואָס דערשטיקטע קרעפּטען קאָנען,
ווי די נויט ברעכט אייז און אייזען...

אַלע שטראָמען שטילע וואַסער,
ווי מיט איין געדאַנק און עֵצָה,
וועלען זיך אַ נעם טון „ראַזאָם"
און אַ שפּאַר טון מיט איין פּלייצע—

„ראַזאָם, ברידער!"—און צובראָכען
מוז די גראָבע אייז-דעק ווערען,
די וואָס האָט פון זיי פערשטעלט
הימעל, זון, לבנה, שטערען.

און בעפרייטע, ברייטע חוואַליעס
וועלען טרייבען דורך די בריקען
גאַנצע מַחנות שטיקער אייז—
זיי צום שוואַרצען יַם פערשיקען:

„געהט צו אַלדע שוואַרצע יַמים!"—
און צובראָכענע אויף פּיצלעך,

ווי דאָס יונגע פרומע לייב
פון אַ יודיש כָּשֵׁר מיידעל.

כ׳וועט צושמאָלצען, כ׳קוועל פאַר תַּענוג,
אַ בּרען, אַ שטראַהל אַ פרייער
טאַנצט און שפּילט זיך מיט דעם שאָטען,
און דער שאָטען שפּילט מיט פייער...

יאָ, כ׳האָב ליב זיין איידלען שפּילען
פון די דינסטע, ריינסטע גאַמען
ליכט און שאָטען... עפּיס האָט דאָס
טויזענד חֵנ׳ען, טויזענד טַעמ׳ען;

עפּיס מינעט זיך די לופט,
ווי אַ כַּלָּה ביים אײַננעהמען...
טוט אַ שיין—און ווערט פערשעמט,
שטראַהלט—און לאָזט אַראָב די ברעמען...

אָט ווערט ליכטיג, אָט ווערט דונקעל
און אָט גיסען זיך צוזאַמען
ליכט מיט שאָטען... יאָ, דאָס האָט
טויזענד חֵנ׳ען, טויזענד טַעמ׳ען...

און דער טייך?—איהר הערט זיין קרעכצען
און זיין סקריפּען פון דער ווייטען?

ציגען זאָלען אַזוי וויסען
שפּרינגען אין דעם רֶבּינ'ס גאָרטען!

מאָל־דיך, פריהלינג איז נאָך נ י ט,
ס'איז לְעֵת־עַתָּה עֶרֶב פ ר י ה ל י נ ג,
און לְעֵת־עַתָּה בלייב פערשפּיליעט—
קאָנסט נאָך חאַפּען אַ פערקיהלונג.

אָבער איך—איך האָר קיין וועלט נישט,
איך צושפּיליע די קאַפּאָטע
און איך לויף אויף גאָט'ס בּעראָט
טאַנצען מיט אַ שטראַהל אין בּלאָטע.

מיר געפעלט דער עֶרֶב פריהלינג
דַוקָא ווי ער ש ט ע ה ט א ו ן ג ע ה ט,
אָנגעטון אין שמאַטעס־וואָלקען
מיט אַ גאָלדענעם שטראַהל בּענייהט.

איך האָב ליב זיין קאַלטען ווינד,
וואָס ער פּאַטשט אין האַלז און אַקען
ווען פון פּאָרענט קושען, הלובען,
זיסע ווינטלעך מיינע באַקען.

מיך ענטציקט זיין פּיצעל הימעל,
וואָס ענטבּלויזט זיך פריש און איידעל,

# עֶרֶב פריהלינג. *)

עפּיס איז די לופט מעוּבֶּרֶת,
און אַ פָּנים—מיט אַ צווילינג:
חאַפּט אַ פרעסטעל—דוכט זיך ווינטער,
בלאָזט אַ ווינטעל—דוכט זיך פריהלינג.

כ'שמעה-אויף פריה—דער דאַך געזילבערט
און אַ בעלמע אויף די שויבען;
דאָך אין דרויסען פליהען העכער
צו דעם הימעל ווייסע טויבען.

און די צעפּלעך איז, ווי ליכטלעך,
אָנגעצונדען מיט אַ העלען
שטראַהל, צושמעלצען זיך און טריפען,—
צי זיי ווייַנען, צי זיי קוועלען?...

נעהמט דעם לוּחַ!—וואָס, אַ פריהלינג?
ווייס איך, וואָס ער בעבעט דאָרטען!

*) געשריבען באלד נאָך דעם פּאָליטישען „פריהלינג“ אין רוסלאַנד.

חאַפּט מיך אָן ביים האַרץ און טו,
מישענדיג דאָס טעַשיל קאָרטען,
אַ קליין קרעכציל: „נעבעך, נעבעך",
אַ רַחֲמָנות אויף מיין גאָרטען!...

און דער עולם האַפּט זיך צו—
שטער נם שוויצען, פּיסקעס קנאַקען,
און מען אַרבייט לאַנג, געשמאַק
און מען רייבט אויף ביידע באַקען.

עפּעס אויך די ליכט, די וואַרים
ווערען, פרעהליכער, געשמאַקער,
און מיין בליצלאָמפּ, דוכט זיך, ברענט נישט
מיט אַ פלאַם, נאָר מיט אַ פלאַקער...

אויף די ציגגלעך ווערען שאַרפער.
און סע בליצט אַ שפּיגעל=ווערטיל,
באַלד, נישט אויסגערעדט זאָל זיין,
געהט מען איבער צו אַ קערטיל...

און פערטיפט מיט זיי אינאיינעם
אין געווינסטען און אין שאָדען—
הער איך איינער, ווי סע קלאַפּט מיר
שטילערהייט אַ בוים אין לאָדען:

„בַּעַל=הַבָּיִת"! אוי, מיר איז פינסטער!
„בַּעַל=הַבָּיִת"! אוי, מיר איז ביטער!
„נאַקעט בין איך, און דער ווינט שמייסט
מיך אליין מיט מיינע ריטער"...

אין די ווינטער נעכט די גרויסע,
קומען גוטע ברידער שמיסען,
מיך מְהַנֶה זיין, דערווייל
טאַקע עפּעס גוטס געניסען...

זיי אַרומזעצען ביים טיש,
וועל איך אַ געשריי טון: „פאַני"!
—„מיינע", הייסט דאָס—נו, בעוויז זיך,
זיי מְכַבֵּד „די קאָמפּאַני"!

מֵילָא רעדט מען נישט פון טהיי,
קיכלעך, קאָרזשים, פלאָדען, טאָרטען
און כּדומה דאָרט געבעקסען—
נאָכדעם—יַעֲמוֹד מיין גאָרטען!

און אין איין מינוט וואַקסט אויס
אויף מיין טיש אין מיטען ווינטער
באַרען, פלוימען, פערשקים, וויינשיל—
און סע ווערט, ווי זאָגט מען, מונטער...

באַרען—מיינט מען איינמאַרנירטע!
וויינשיל—מיינט מען ווישניאַק שוואַרצען;
פלוימען, פערשקים—הייסט פּאָווידלע
און כְּדוֹמֶה איינגעמאַכטסען.

אָבגעטון די באַרען זייערס —
הויבט איהר אָן די עפּעל רייסען;
און פון עפּעל האָט איהר צימעס,
קוגעל, קנישעס, צום פערבייסען.

מיינט איהר אֶפְשַׁר דאָס איז גאָר? —
פע, אַזוי איז מַעֲשֶׂה פּרעסער!...
דַוְקָא פון די שענסטע עפּעל
שטעל איך עפּעל־קוואַס דריי פּעסער...

ווייסט איהר, שַׁבָּת נאָכ'ן שלאָף
אין אַנ'אָסיען־טאָג, אַ מיאוס'ען,
ווען עס ווילט זיך, נאָר מען קען נישט:
נישט קיין געפעק טון, נישט ניסען...

און סע גלוסט זיך, נאָר מען ווייס נישט
זים צו זויערס? עפּעס ווייניג... —
דעמאָלט איז אַ ביסעל קוואַס
מיט אַ קיסליצע—אַ תַּעֲנוּג!...

דוכט זיך—גאָרנישט, קלייניגקייטען—
נאָר די אַלע זיבען זאַכען
וועלען, מִ־יִרְצֶה־שֵׁם, מיין שטוב
זומערדיג אום ווינטער מאַכען.

צוויי מֵעת־לְעֵת געפּרײַהט אין אײַווען
אין איין עמער־טאָפּ אַ גרויסען
מיט געווירצען, רייבט מען נאָכדעם...—
נישט דאָס אָבער בין איך אויסען...

כ׳זאָג אייך: ס׳איז אַ מַאֲכָל—הַיינו:
ברויט, לְמָשָׁל, צו בעשמירען...
איצטער—יַעֲמוֹד ר׳ בעריל!
באַרען, הייסט דאָס, איינמאַרנירען...

ווילט איהר פון מאַרנירטע באַרען
זיין, ווי זאָגט מען, עכט צופרידען—
זאָלט איהר טון אַזוי ווי „מיינע":
פריהר דעם עסיג איבּערזידען,—

און פּערשטעהט זיך, אַז מיט צוקער
מיט געווירץ און לאָרבער־בלעטער!
נאָר די באַרען גופאָ זאָלט איהר
דאָרט אַריינלעגען ערשט שפּעטער...

גאַנצערהייט, נור אָבגעשיילטע,
מיט די שטעקעלעך אַפילו —
און איהר מעגט שוין זיין בעוואָרענט—
ס׳וועט נישט צוקערען, חָלִילָה...

ווישניאַק, הייסט דאָס, ווי איהר ווילט —
ווילט איהר זיסען, ווילט איהר שטאַרקען ...
חאַפּט ושע נישט, איצט לאָמיר נעמען
אָט די פּערשקים, וואָס ביים פּאַרקאַן ...

אָט די פּערשקים, ווי איהר זעהט זיי,
באַלד ווי נור זיי ווערען פאַרטיג,
פּרעגעלט „מיינע" איינגעמאַכטס —
אָבער איינגעמאַכטס גרויסאַרטיג!

ס'איז כְּדַאי איהם אָנצוקוקען.
יאָ, איך מעג דאָס אייך פּערגינען ...
פון דעם בוימעלדיגען סיראָפּ
שיינען פּערשקים, ווי בורשטינען ...

האָב איך אייך געזאָגט גרויסאַרטיג —
מעגט איהר זיך אויף מיר פערלאָזען;
„מיינע", דאַנקען גאָט, פּערשטעהט,
ווי מען טוט מיט אַבריקאָזען ...

נאָכדעם געהט א סֵדֶר פלוימען ...
חאַפּט ושע נישט און לאָזט זיך ריידען —
פון די פלוימען ווערט פּאָווידלע —
און פּאָווידלע — טַעַם גַן־עֵדֶן!

ליגענדיג אַזוי און זעהן,
ווי עס ציטערט יעדעס בלעטעל—
דאַכט זיך מיר, איך וויעג זיך שטיל
אין אַ גאָלד־געפלאָכטען בעטעל...

און פערקוק זיך גלאַט אַזוי
אויף די פיצלעך, שטיקלעך הימעל...
און עס וועבט זיך אויף די אויגען
זים און ווייך און שטיל אַ דרימעל...

ווייסט איהר: ווייך און זים אַזוי...
עפּעס מַעֲשֶׂה יֵצֶר־הָרָע...—
יאָ, וואָס זאָגט איהר? דאַנקען גאָט—
ס'איז אַ גאָרטען אָהן עַיִן־הָרַע!

טרעפט זשע, וואָס איך בין אַ בַּעֲלָן
טון, אַ שטייגער, מיט מיין גאָרטען?—
באַלד אִם־יִרְצֶה־שֵׁם נאָך תַּמוּז—
נעם איך—ריים אַרום די פּרוכטען...

רֵאשִׁית וועל איך אָט די ווײַנשיל
פון דעם בוים מְחִילָה ביטען,
און וועל האַלב מיט בראָנפען „שטעלען"
און מיט צוקער האַלב אָנשיטען—

ברייטליך אָט אַ דאָ, לְמָשָׁל,
אונטער'ן באַרענבוים דעם גרויסען...
מִינֵי פויגעל אַלערליי,
שֵׁדִים ווייסען, ווי זיי הייסען—

הְמְ... קאַנאַריקלעך אַ שטייגער,
זינגען, קלינגען, קנאַקען, שאַלען
און דאָס שיט זיך אויף מיין קאָפּ
מיט געזיפּטע ברעקלעך שטראַהלען...

טוט זיך נאָר דער בוים אַ טרייסעל—
באַלד צולויפט זיך אויף דעם שאָטען,
גיך ווי מייזלעך, פלעקען גאָלד—
און איך ווער מיט גאָלד בעשאָטען...

און זיי פלאָנטען זיך אין באָרד,
און זיי קריכען אין די אויגען,
קיצלען, ראַנגלען זיך—פרעגט וואָס?
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען...

מאַכען חוזק פון אַ יודען,
כ'וויים נישט, וואָס זיי ווילען האָבען;
הוידען, גליטשען זיך אויף מיר—
טפו, אַ רוּחַ אין זייער באָבען!...

שוואַרצע ווײַנשעל בלינצלען עפּיס
מַמזֵר׳ש, גַנבֶה׳ש, ווי מיט אויגען...
נו, און פלוימען—אָט די פלוימען—
מיט אַ בלויען הויך בעצויגען...

הײַנט די פּערשקים—איינמאָל פּערשקים!
פּוכלע, העריג, פריש און איידעל,
פּונקט ווי קײַליכיגע בעקלעך
פון אַ פונפצעהן־יעהריג מיידעל...

יאָ, אַ דאַנק זײַן ליבען נאָמען,
כ׳האָב אַ רײַכען, שענעם גאָרטען!
אָהן עַיִן־הָרַע אָנגעפּאַקט
פֵּירוֹת, פרוכט מִכָּל הַסאָרטען.

כ׳האָב איהם, אָט דעם שענעם גאָרטען,
ס׳זאָל איהם קיין בייז אויג נישט שאַטען,
ליב דאָס לעבען; שַייך ליב?—
כ׳זאָג אײַך: עפּעס ווי אַ טאַטען...

ווּמער־לעב נאָך מיטאָג. הײַנו:
נאָך אַ יויך און נאָך געבראָטענס,
נעם איך און פערשטעק זיך טיעף
און צולעג זיך דאָרט אין שאָטענס—

# מיין גארטען.

ווילט איהר, אֶפְשַׁר, זיין אַ בַּעֲלָן
אָנקוקען מיין שׁענעם גאָרטען—
זייט זשע מוֹחֵל, קומט אַרויס,
קוקט איהם אָן—אָט שטעהט ער דאָרטען!

אָהן עֵין־הָרַע גרויס און רייך —
כ׳זאָג אייך, איינער אין דעם שטעדטעל.
זעהט נאָר, ווי עס קוועלט אין איהם
יעדער בוים און יעדעס בלעטעל...

אויסגעצוואָגען פון דעם טוי,
פון די שטראַהלען אויסגעבאָדען,
שטעהען ביימער אַלערליי
מיט די פֵּירוֹת אָנגעלאָדען.

שווערע עפּעל, רויטע עפּעל
בייגען צו דער ערד די צווייגען,
און די בּאַרען—זעהט נאָר בּאַרען—
הייגגען שטיל זיך דאָרט און שווייגען.

# אונטער די גרינינקע ביימעלעך.

אונטער די גרינינקע ביימעלעך
שפּילען זיך משה׳לעך, שלמה׳לעך;
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאה׳לעך—
יודעלעך פריש פון די אייעלעך.
גופ׳עלעך—שטרוי, רויך און פעדערלעך,
נעם און צובלאָז זיי אויף גלידערלעך—
האַפּען זיי אויף גרינגע ווינטעלעך
און סע צוטראָגען זיי פייגעלעך.

נאָר איין זאַך פערמאָגען זיי—אויגעלעך,
די אויגען פערמאָגען צוויי פינטעלעך,
וואָס גליהען און פינקלען און טוקען זיך,
און עפּעס ווי נביא׳יש און וואונדערליך
פערטראַכטען זיך טיעף און פערקוקען זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פייגעלעך—
אוי! מיר זאָל זיין, יודישע קינדערלעך,
פאַר אייערע כּשר׳ע אויגעלעך!

פערשפרייט זיך ווייט און געהט אַוועק
גאָר אָהן אַנ׳אָנהויב, אָהן אַנ׳עק.
און איינזאַם דאָ צעווישען גראָז
שפיר איך אין מיר אַ גאַנצע וועלט —
דאָס האָט געטוהן אויף מיר אַ בלאָז
מיט פרייען פעלד.

ס׳איז שאַ, ס׳איז שטיל... אָט דאָ געשווינד
איז דורכגעפלויגען, ווי אַ פייל
אַזוינס, וואָס האָט געשמעקט מיט קינד
און ליגט שוין ווייט פאַר טויזענד מייל.
דאָס האָט געטוהן אַ גלאַנץ, אַ בליץ,
און גלייך אין אויג דערלאַנגט אַ שפּריץ
מיט טראָפּענס טוי פון זיסען גליק,
פון יונגען גליק, וואָס ווערט נישט אַלט, —
דאָס האָט אויף מיר געטוהן אַ בליק
דער גריניער וואַלד.

# עס האָט מיך פערפּלאָנטערט...

עס האָט מיך פערפּלאָנטערט מיט גרינס און מיט בלומען,
וואו באַבאָטשקעס צאַפּלען אין נעצען פון שטראַהלען,
וואו ס'ציטערט די לופט פון דעם גרילצען און זשומען—
און איך בין פער'כשופ'ט צו דר'ערד צוגעפּאַלען.

ס'איז הייס, ס'איז שען, ס'איז גוט!—אַפילו
די האַלב דערוואָרגענע געפּיהלען—
זיי ווילען אויך די זון דערלאַנגען,
און צאַפּלען ווייכע, גרינגע, שטילע,
און שטעקען קעפּלעך, ווי די שלאַנגען
זיך ציהענדיג אַלץ העכער; העכער
מיט האַלבען גוף פון שוואַרצע לעכער.
דאָס האָט אויף מיר אַ קוק געטון
גאָטס מילדע זון.

ס'איז הייס, ס'איז גוט! גאָטס וועלטעל גלאַנצט,
אין טיפען גראָז—דאָרט שמוצערט, טאַנצט
דער סטעפּ—מיט בלימעלעך געציערט,
וואָס גאָט אַליין האָט זיי געפּלאַנצט,

אוי, אַהין, אַהין... ערגיץ ווייט, גאַנץ ווייט... —
האָט מיין קינדערש האַרץ שטומערהייט געגלוסט
און אַזוי געבענקט... וואו? אין וואָסער זייט
שטעקט דאָרט מיין „אַהין“? — האָב איך ניט געוואוסט.

נאָר די שוועלבעליך האָבען יאָ געוויסט,
און אויף פייגעל־שפּראַך, פליהענדיג פאַרביי,
האָבען חאַפּענדיג מיך פון דאָרט געגריסט
און אַוועקגעשוועבט פרעהליך, פראַנק און פריי.

אויף דעם הויכען באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז,
האָב איך קינדווייז שטום אָבגעטרוימט מיין גליק...
וואָס איז דאָס געוועןֹ? — כ׳ווייס אַליין ניט וואָס, —
כ׳ווייס נאָר, אַז עס קומט קיינמאָל מעהר צוריק...

אוי, ווי שווער, ווי ענג!... נאָך דאָרט אוים דער שטאָרט
אויף דעם הויכען באַרג האָב איך זיך דערפיהלט...
כ'האָב דאָרט שטילערהייט זיך געזעהן מיט גאָט,
און מלאכים האָבען זיך מיט מיר געשפּיעלט.

פרייטאָג — זומער=לעב — קוים דערלעבט די שעה!
פריי פון חדר=יאָך, ווערט די לופט מיר קאַרג:
ווער מיר מהר"ם=שיף! וואָס מיר מהרש"א!
גיך אַוועק אַהין — אויף דעם הויכען באַרג!...

דאָרטען עפענט זיך גאָר אַ נייע וועלט,
אַלעס באָדט זיך דאָרט אין אַ ים פון ליכט.
פון איהר פוטערפאַס קוקט די זון און קוועלט,
ווי דאָס גרעזעל וואַקסט, ווי דער וואָרים קריכט.

גאַנצע וועלטען גייסט גיסט אין מיר אַריין
יעדער שטילער בלאָז, יעדער זונענשטראַהל;
מיט דעם פולען מויל טרינק איך לופט און שיין,
און אין האַרצען טיעף עפענט זיך אַ קוואַל — —

טיעף, ווי אין דער הויך איז דער הימעל טיעף,
ריין, ווי אויף מיין קאָפּ איז דער הימעל ריין —
דאָך אויף שטום=לשון הערט זיך דאָרט אַ רוף, —
זיין בעדייטונג איז אַ סוד פאַר מיר אַליין...

# אויף דעם הויכען באַרג...

אויף דעם הויכען באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז,
האָב איך קינדווייז שטום אָבגעטרוימט מיין גליק...
וואָס האָב איך געוואָלט — כ'ווייס אַליין ניט וואָס, —
כ'ווייס נאָר, אַז עס קומט קיינמאָל מעהר צוריק...

אפשר ווייסט דער ווינט און דער זונענשטראַהל,
וואָס האָט מיר געשפּריצט אין די אויגען גאָלד,
און דער טיעפער טאָל און דער ריינער קוואַל —
וואָס מיין קינדעריש האַרץ האָט זיך זוי געוואָלט...

אויף דעם הויכען באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז, —
אַך, צו קורץ ביזטו, קינדהייטס־טרוים, געוועזן!
אָבגעגלאַנצט אויף גיך ווי אַ זייפענבלאָז
און געפּלאַצט זוי גרינג — גלייך ווי ניט געשעהן!

און צו שווער, צו לאַנג איז געוועזן די נויט!...
ערגיץ אין אַ לאָך — דאָרט בין איך אַרוים
אויף דער ענגער וועלט באָדען זיך אין קויט,
וואַרגען זיך מיט בלוט, טרינקען זיך אין שוויים...

# III.

# נאטור.

פֿון פּרינצעסינס האַנד דעם לעצטען<br>
אָבשיעד־בעכער אויסגעטרונקען,<br>
שפּריצט ער אויף דעם טיש די לעצטע<br>
טראָפּענס און לעשט אוים דאָם לעכטעל.

הער איך נישט דעם יַרְדֵן רוישען?
איז דאָס נישט אַ קלאַנג פון קוואַלען
אין דעם פאַלמען־טאָל פון בֵית־אֵל,
וואו סע הויערן די קעמלען?

הער איך נישט די הערדען־גלעקלעך?
איז דאָס נישט אַ קול פון שעפּסען,
וואָס דער פאַסטוך טרייבט אַראָב—
אָבענד־צייט פון הָרֵי־גִלְעָד?

דאָך דער שענער רוה־טאָג שטעהט נישט.
ווי מיט שאָטען־פּיס מיט לאַנגע
שפּאַנט אַלץ נעהענטער די בייזע
שלעכטע שָעָה. דער פּרינץ פאַרזאָרגט זיך.

קאַלטע מְכַשֵפָה־פינגער
שפּירט ער קלעמען איהם ביים האַרצען.
און דעם פּרינץ נעמט דורך אַ שוידער:
באַלד אוים מענש, צוריק אַ הונט ווי...

די פּרינצעסין טראָגט איהם אונטער
אין אַ גאָלדען רעהריל בְּשָמִים.
לאַנגזאַם שמעקט ער, נאָך איינמאָל האָטש
מיט דעם זיסען רֵיחַ זיך קוויקען.

פרום פערבאָרגט די שטילע פירשטין
איהרע צעפּ אין ווייסען הייבעל,
בליקט אַזוי זאַנפט, ווי די גאַזעלע,
בליהט אַזוי שלאַנק, ווי די הֲדַסים...

זי ערלויבט איהר ליבסטען אַלעס
אויסער איין זאַך—טאַבּאַק רויכען;
ליבסטער, רויכען איז פערבאָטען,
ווייסט דאָך, היינט איז שַבָּת-קֹדֶש...

איך וועל דיר דערפאַר בעלוינען
מיט אַ מַאֲכָל—טַעַם גַן-עֵדֶן.
טשאָלענט הייסט ער—אָט דעם מַאֲכָל
האָט אונז גאָט אַליין געגעבען

אַ מַתָּנָה פון זיין נאָמען
מיט דעם שַבָּת פון באַרג סִינַי
דורך די דונערען און בליצען—
טשאָלענט זאָלסטו מיר היינט עסען...

אָבגעגעסען סְעוּדַת-שַבָּת,
זיצט דער פּרינץ און שיינט פון תַּעֲנוּג.
מיט פערקלעמטע אויגען קוקט ער,
רעדט עפּעס מיט זיך און שמייכעלט:

אין דעם מִזְמוֹר ווערט בעזונגען,
ווי יִשְׂרָאֵל האָט אויף אייביג
זיך פער׳קַנְסט די מַלְכָּה שַׁבָּת,
וואָס מען רופט „די שטילע פירשטין".

בלום און פעריל אַלער שענהייט
איז די מַלְכָּה! וואָס מיר, ווער מיר
מַלְכַּת־שְׁבָא אין איהר פערגלייכען,
די, וואָס איז געפעלען שְׁלמה׳ן...

יענע כּוּשִׁ׳ער שטריימעל קלוגט זיך
און פערמאָגט אַ מויל אויף שרייפלעך,
עסט זיך איין מיט איהרע חָכְמוֹת
און פערדרעהט דעם קאָפּ מיט חִידוֹת.

נישט ווי זי איז פירשטין שַׁבָּת.
ווי אַ טויב · אַ שטילע איז זי,
רוהיג ווי די רוה אַליין,
ווייסט נישט פון קיין איבערשפּיצלעך.

נישט גע׳חֲקִירָה׳ט זיך, גע׳פִּלְפּולט,
נישט גע׳בְּרִיָה׳ט זיך, געפּילדערט,
נישט געשפּריצט מיט ווערטער פונקען
טרייסלענדיג מיט האָר צעלאָזטע...

גאָלדענע ליכט פון טרייסט און קְדוּשָה;
אויף דעם ווענטעל פון דעם עָמוּד
גלענצט איהר, ווי אַ שטערענטיכעל
אויף דער מאַמעס ליבען שטערען.

פרום און צְנִיעוּת׳דיג פערהאַנגען
מיט דעם זיידענעם פָּרֹכֶת
אין איהר סאַמעטענעם מענטעל
שטעהט די רייניגקייט אין אָרוֹן.

שטעהט און וואַרט... אַט קומט דער חַזָן
איינגעהילט אין ווייסען טַלִית
רופט ער אוים דעם זיסען רוף:
„לְכָה דוֹדִי לִקְרַאת כַּלָה!"

„לְכָה דוֹדִי—קום געליבטער,
נעם אַריין דיין שענע כַּלָה,
זי האָט אָבגעדעקט איהר שלייער,
איהר פערשעמט געזיכט אַנטפּלעקט דיר.

אָט דער שענער שִיר־יְדִידוּת
איז פערפאַסט שוין לאַנגע יאָהרען
פון אַ וועלט־בעריהמטען זינגער
לכבוד די שענע חָתָן־כַּלָה.

הונט מיט הינטישע געדאַנקען,
אויסגעוואַלגערט אַלע מיסטען,
שלעפּט ער זיך אַרום אַ גאַנצע
וואָך, צום שפּאָט פון גאַסען־יינגען.

אָבער יעדען פרייטאָג־אָווענד,
בֵּין־הַשְּׁמָשׁוֹת, טרעפט אַ וואונדער:
פלוצלינג פאַלט פון איהם דער כִּשׁוּף,
אויס הונט—ווידער מענש געוואָרען.

מענש מיט מענשליכע געפיהלען,
ריין, געצירט אין בִּגְדֵי־כָבוֹד,
הויך זיין קאָפּ און האַרץ ערהויבען
טרעט ער איין אין פאָטערס פּאַלאַץ.

„זיי געגריסט, געליבטער פּאַלאַץ
פון מיין קעניגליכען פאָטער!
יַעֲקֹב'ס צעלטען! ציטעריג קוש איך
אייערע אַלטע הייליגע טהירען".

דורך גאָטס־הויז שוועבט־דורך אַ ציטער,
שטיל בעוועגען זיך די ליפּען.
שאַ! די קעניגין די שְׁכִינָה,
בענשט, פערמאַכט די אויגען, ליכט—

# די פּרינצעסין שַבָּת.

(הײנע)

אין די אַלטע בָּבָא־מַעֲשׂות
קומען פאַר גִלְגוּלִים פּרינצען,
וואָס זײ נעמען־אָן צו צײטען
זײער ערשט־געשטאַלט צוריק.

אָט דער וואָלקולאַק דער מִיאוּסער
איז צוריק אַ פּרינץ געוואָרען,
שײנט און לײכט אין בִּגְדֵי־מַלְכוּת,
שפּילט אַפילו שוין אַ ליעבע.

מיט אַמאָל פערשווינדט דער כִּשׁוּף—
און מיר זעהען פּלוצלינג ווידער
זײנע קעניגליכע האָהײט
אין אַ וואָלקולאַק פערוואַנדעלט.

פון אַ פּרינץ אַזוינעם וועל איך
זינגען יעצט—יִשְׂרָאֵל הײסט ער.
איהם האָט דאָס אַ מְכַשֵּׁפָה
אין אַ הונט שוין לאַנג פערוואַנדעלט.

III.

מיט דער לְבָנָה=שיין פערזילבערט,
ווייט רינצעלט זיך דער יואַסער=שפיגעל;
פערשפרייט האָט זיך איף אונז די נאַכט
מיט איהר בלוי=סאַמעטענעם פליגעל.

ס'איז נישט קיין נאַכט—ס'אַ מַלְכַּת=שְׁבָא!
געהילט אין בלוים, מיט גאָלד בעפליטערט,
שטיל אָטעמט זי, און אויף איהר ברוסט
שעמערירט דאָס גאָלד, שעמערירט און ציטערט.

יוי שאָף צושפרייט, די קליינע חוואַליעס
שטיל ויגען זיך אין לייכטען דרימעל.
כּפ ציטערען אין יַם די שטערען—
ווער איז דאָ יַם און ווער איז הימעל?

צוויי יַמ'ען שלאָפען דאָ צוזאַמען
צונויפגעלייגט, ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער יַם אין מיטען שלאָפט נישט:
מיין הארץ מיט זיינע נייע ליעדער.

II.

אָנגע׳ברוגז׳ט האָט דער יַם זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט —
פּלוצים האָט ער זיך צוביזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפען שוין אַנקעגען
ווילד און בייז מיט ווייסען שוים,
חוואַליעס־לייבען, חוואַליעס־שלאַנגען,
אויסגעוואַקסען פון דעם תְּהוֹם.

אָט האָט זיך אַ טאָל געפּענט,
אָט שטעהט־אויף אַ הויכער באַרג —
פּלאַטער, זעגעל! בויג זיך, מאַסטבוים!
דו, מיין האַרץ, בלייבסט פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסען גאָט אין הימעל,
יַמִים שפּאַלט ער מיט זיין האַנד;
אויף זיין פליגעל מיט זיין שטורים
טראָגט ער דיך צום ליבען לאַנד.

# ים־ליעדער.

(נאָך ר׳ יהודה הלוי).

I.

כ׳האָב פערגעסען אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פערלאָזט מיין אייגען הויז;
כ׳האָב דעם ים זיך אָבגעגעבען:
טראָג מיך, ים, צום מוטערס שויס!

און דו, מערב־ווינד געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין הארץ מיט אָדלער־פליגעל
זוכט שוין לאַנג צו איהם אַ וועג.

ברייננ מיך נאָר אַהין בשלום,—
נאָכדעם פליה זיך דיר צוריק,
גריסען זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצעהל זיי פון מיין גליק.

כ'וויל זעהן, אָ גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַהל ליכט,
נאָר איין שטראַהל ליכט פון יענעם מאָרגענשטערן,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַ מאָל נאָך העל און ליכטיג
זיך אָנצינדען אויף ציון'ס בלויען הימעל,
בענייען און בעפרישען זיך מיט יוגענד...
גענוג, איין זיסען חלום לאָז מיך זעהן נאָך
און אויסגעהן מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען.

אנ׳קעגען ויינע הימעלשע שְׁעָרִים,
וואו ניט די זון און ניט די לְבָנָה, שטערען—
גאָטס עהרע ועלבסט האָט דיר בעשיינט מיט גלאַנץ...
איך גאַר, אַז אויסגיסען זאָל זיך מיין זעעלע דאָרטען,
וואו ס׳פלעגט אַמאָל גאָטס גייסט און גאָטס גענאָד זיך גיסען
אויף דיינע אויסדערוועהלטע, מוטער ציון!
וואו נעמט מען פליגעל?! שטיקערווייז וואָלט איך מיין האַ־ץ
וויט, וויט צעווישען דיינע בערג פערטראָגען,
כ׳וואָלט צוגעפאַלען צו דיין ערד, כ׳וואָלט אויסגעקושט
איהר יעדען פוס־טרעט, יעדעס שטיינדעלע בעזונדער,
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ באָרפיסער אויף דיינע חורבות,
כ׳וואָלט מיט מיין שטעקען אויסגעמאָסטען אַלע קְבָרִים,
מיט דיין נְשָׁמָה־לופט זיך אָנגעאָטעמט,
זיך איינגעוויקעלט אין דיין זיסען שטויב,
און ביז צום בלינד וערען בעוויינט דיין חורבָן, ציון...
צי קען די שיין פאַר מיינע אויגען זיס זיין—
אַז שווארצע ראָבען פיקען דיינע אָדלערס,
צי קען מען לעבען אויף דער וועלט און צוזעהן,
ווי גאַס־הינד שלעפען דיינע טויטע לייבען...
גענוג, לאָז אָפּ איין ווילע, כום פון טרויער!
מיין הארץ איז איבערפול מיט דיר פערביטערט
כ׳האָב איינגעזאַפט אין זיך דיין שוים מיט דיינע הייוען...
גענוג! איך וויל איין חלום זעהן און שטאַרבען...

* *
*

(פון ר' יהודה הלוי).

בּיינקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צווייטע און צושפּרייטע, בּיינקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבּען גרוס בּעקומען?
דאָ האָסטו איהם! אַ גרוס פון נאָהענטע און ווייטע!
אין האַרצען דורות־לאַנג געוואַרימט, טראָגט איהם
פון אַלע עקען וועלט, דורך יַמים און מדבּריות,
צו דיר אין שוים איין עלענד קינד דיינס, איינער
פון די, וואָס זאַפּען־אָן, ווי טוי דיין חֶרְמוֹן,
די פרעמדע בּערג מיט בּרענענדיגע טרערען
און שטאַרבּען אין דער פרעמד פערליבּטע און פערבּיינקטע...
מיך ציהט צו דיר!... בּיינאַכט אויף דיינע חורבות
בּין איך דיין נאַכט־אַיילע, דיין יאָמער־ליעד,
און חלומט זיך מיר נאָר דיין מאָרגענשטערען—ווער איך
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיגע האַרפע...
מיך ציהט צו דיר! מיין האַרץ געהט אויס נאָך יענע ערטער,
וואו די אָבות האָבּען זיך בּעגעגענט מיט מַלְאָכִים,
וואו די שְׁכִינָה האָט גערוהט, וואו דיין בּעשעפער
האָט דיינע טויערען, די הייליגע, געעפענט

# II.
# איבערזעצונגען.

אין אַ פראָסט געשטאַלט:
אין אַ ווינטער=נאַכט אַ בייזע,
ערגיץ ביי אַ פלויט,
וועל איך, הונגעריג, פערפרירען,
אויסגעהן ווי אַ הונד,
און דער שניי וועט מיך פאַרשיטען,—
און מיין לעצטען קריץ
מיט מיין קְלָלָה וועט צובלאָזען
ווייט דער בייזער ווינד...

אָדער—וועט זי, מיין נְשָׁמָה,
ווי דאָס ליכט אַליין,
צאַנקען, טוקען זיך און שווינדלען
פאַר די אויגען לאַנג,
און פאַרפאַלען ווערען פלוצלינג
אין אַ שוואַרצען תְּהוֹם,
וואו אַרום איהר ווערט זיין אייביג
שוואַרץ און טויט, און שטום?...
אָדער ס'איז בעשערט מיר שטאַרבען
לעבעדיגערהייט
אין פאַפּירענע תַּכְרִיכִים,
אין אַ ביכער=שאַנק,
וואו די מייז, די גרויע, וועלען
גריבלען זיך אין מיר,
און צושלעפּען מיינע ווייסע
ביינער איינציגווייז,—
און אַ לעבעדיגער וועל איך
אויף מיין קֶבֶר שטעהן
און אַ קַדִיש=יָתוֹם זאָגען,
איך—נאָך מיר אַליין...
אָדער גאָר: מיין טויט וועט קומען

* *
*

כ׳וואָלט געווען אַ בּעָקן וויסען,
וויּ וועט זיין מיין טויט ?
וועט מיר מיין נְשָׁמָה אויסגעהן
מיט אַ שוואַרצען קרעכץ ?
אָדער וועל איך זי אויסשפּייען
מיט דער ביטערער גאַל ?
אֶפְשַׁר וועט זי זיך אויסגיסען
אין אַ פּערל-טרער
און וועט ציטערען, שימרירען,
דורות לאַנג נאָך מיר,
ערגיץ אין אַ פרעמדענס האַרצען,
אין אַ פרעמדער קרוין ?
אֶפְשַׁר איז בעשערט איהר אויסגעהן
ווי אַ שמעטערלינג,
טאַנצענדיג און צאַפּלענדיג
אַרום אַ חֵלֶב-ליכט ?

העכער, העכער הויבט דעם בעכער,
חַי־געלעבט! און חַי־געקווועלט!
אויף צופוקעניש די שׂונאים,
אויף צו־לְהַכְעִיס גאַר דער וועלט!

---

נישט קיין אֶמֶת, נישט קיין יוֹשֶר,
נישט קיין רַחֲמִים, נישט קיין דין—
נו, איז וואָס? דאָס רעדעל דרעהט זיך
אָהן אַ ציעל און אָהן אַ זין.

חאַפּט־זשע, וויט אין ראָד אַ רעדעל,
מישט זיך אוים און דרעהט זיך נאָך,
אָב פון וועג זאָל יעדער גרעניץ,
אָב פון האַלז זאָל יעֲדער יאָך!

הֶפְקֵר, הֶפְקֵר, אַלעס הֶפְקֵר,
הֶפְקֵר ווייב און הֶפְקֵר קינד,
אַ כַּפָּרָה הונדערט וועלטען
פאַר איין שעה פון מוט אין ווינד!

נישט קיין ברויט און נישט קיין חַלָה,
נישט קיין פליישׁ און נישט קיין פיש—
וואָס־זשע ויצט איהר?—פרעהליך, ברידער!
חאַפּט אַ טאַנץ אַרום דעם טיש!

---

ברייטער, ברייטער און צושפּרייטער
זאָל זיך דרעהען אייער ראָד:—
ברייט ווי טייכען פליסט גאָט'ס נַחַת,
העכער הייזער—גאָט'ס גענאָד!

יאָ, עס רינט פון באָרד און פֵּאוֹת,
יאָ, מע וואַרגט זיך אויש פאַר גליק!—
טאַנצט־זשע, ברידער, האָפּ־, שטאַרקער!—
און דאָס אייגענע צוריק!

---

נישט איין טראָפּען צום ערקוויקען,
אויסגעטריקענט ווי אַ קוואַל—
וואָס־זשע שמאַכט איהר?—נעמט דעם בעכער,
גיסט איהם אָן מיט גרינער גאַל.

אויסגעזופּט—און נישט פערקרימט זיך,
נישט קיין ציטער אין די הענט!
זאָל אַ קרענק דער שׂוֹנא וויסען,
וואָס אין האַרצען בראָט און ברענט.

איבער גאַנצע בערג פון צָרוֹת,
איבער יַמִים נוֹיט און פּיַין,
טראָגט זיך מיט פערמאַכטע אויגען—
און זאָל זיין דאָרט, וואָס ס'זאָל זיין!

איינמאָל לעבט מען, איינמאָל שטאַרבט מען,
איינמאָל קומט מען אָב דעם טאַנץ—
טאַנצט־ושע, ברידער! גאָט לְכָבוֹד
פלעכט אַ לעבעדיגען קראַנץ!

———

נישט קיין טאַטען, נישט קיין מאַמען,
נישט קיין גוֹאֵל, נישט קיין פריינד—
וואָס־ושע וואַרט איהר?—כָּל־יִשְׂרָאֵל,
אַלע זענען ברידער היינט!

אַלע, אַלע איינגעשלאָסען
אין איין גרויסען פעסטען רונג,
איינגעפלאָכטען בערד און לאָקען,
שיך און זאָקען, אַלט און יונג.

און אָהן אויפהער זאָל זיך ציהען,
זאָל זיך שליינגלען אייער ראָד,
פון דעם הֶקְדֵשׁ ביז בֵּית־עוֹלָם,
פון דעם שול־הויף ביז דער באָד.

———

# אַ פּרעהליכם.

ניט געגאָשט פון עוֹלָם־הַזֶה,
עוֹלָם־הַבָּא אויך נאָך גאַנץ—
וואָס־זשע פעהלט אַייך?—האַנט אויף אַקסעל—
און לאָז פלאַקערען אַ טאַנץ!

זאָלען שווינדלען פאַר די אויגען
פיס און פיאַטעס הויך און שטאַרק,
פונקען זאָל פון שטיינער שפּריצען,
אָנצינדען זאָל זיך דער מאַרך!

וואו אַ טראָפּען גאַל פערבאָרגען,
וואו אַ וועה און וואו אַ וואונד—
אויסגעטאַנצט מוז דאָס היינט ווערען
ביז צום סוף און ביז צום גרונד!

———

נישט דערעסען, נישט דערשלאָפען,
נישט דערוואַרט און נישט דערלעבט —
וואָס־זשע זאָרגט איהר?—ווי די אָדלערס
הויבט זיך פּלוצים אויף און שוועבט!

פון אייערע פערקלעמטע ציינער—
דער לעצטער צאָרנדיגסטער קריק.

און רעד איך—מוזען הימלען שטומען,
די ערד בעוועגט זיך ניט פון אָרט;
די שטיינער קויקלען זיך און קומען
און שלינגען דאָרשטיג גאָט'ס אַ וואָרט.

* *
*

כ׳בין ניט אויף אייער רוף געגאַנגען,
איך קום צו אייך מיט זיבען וועגען;
איך פאַל אויף אייך, ווי טוי אויף זאַנגען
און ווי אויף טרוקען גראָז דער רעגען.

אומזיסט האָט איהר גערוישט, געליאַרעמט
און מיך בעגעגענט מיט געזאַנג:
איך האָב פאַר אייך אַ טויב געוואַרעמט,
און אויסגעפּיקט האָט זיך — אַ שלאַנג.

און זעהט: מיך ריהרט ניט אייער שאַלען,
און אייער הילכיגער גערוס
ליגט טויט צו מיינע פיס געפאַלען;
און איך צוטרעט איהם מיט דעם פוס.

פון אייער אויסגעלאָשען אייג
בין איך דער לעצטער שוואַרצער בליץ,

און גאָט זאָגט מיר:
איצט גײה אַראָב
צום טעפּערם הויז און קויף אַ טאָפּ,
און טו אַ וואָרף און זאָג דערבײ
שטאַרק הויך, אַז יעדערער זאָל הערען:
„אַזוי וועט איהר צובראָכען ווערען!"
און רעד ניט מעהר, ניט וויין, ניט שרײַ,
בויג־אָן דעם קאָפּ און ווער פערשטומט — —
עס געהט דער טאָג, ער קומט, ער קומט...

און בעטען הילף אויף בעטלער־לשון—
נאָר אויסבעטלען וועט איהר פאַר געלד,
און לעבען וועט איהר פאַר אַ גראָשען...

און שווער וועט אײַך דאָס לעבען ווערען—
אַ לאַנגע נאַכט און ניט איין שטערען...
און אייער קרעכץ פערטראָגט דער ווינד
און אייער קול וויל גאָט ניט הערען...
און שרעקליך גרוים וועט זיין די נויט,
ווי גרוים און שרעקליך ס'איז די זינד;
און איהר וועט חַלֶשֶ'ן דעם טויט
און בענקען וועט איהר נאָכ'ן לעבען...
נאָר גאָט וועט אײַך ביידע ניט געבען...
און שרעקליך וועה וועט זיין דער שמאַרץ...
אַפילו אייער אייגען האַרץ
וועט אייער אייגען מויל ניט גלויבען...
איהר וועט זיך פּריוּוען הויבען, הויבען—
אַנ'אָטעם טון—און וועט ניט קענען.
דאָס איז אַ קֶבֶר, נאָר בעגראָבען
זענט איהר דאָרט לעבעדיגערהייט...
דאָס איז אַ פייערדיגער גֵיהִנֹם
וואָס וועט קיין ענדע קיינמאָל האָבען—
נאָר ס'איז אַ גֵיהִנֹם אָהן אַ טויט...

אוּן בּעטען, חַלֶשְׁ'ן—אַ טראָפּען...
נאָר אַייך בּעגעגענט אַ געלעכטער:
פּאַר אַייך פּערשלאָסען אַלע קוואַלען.
איך שיק אַראָב אַ מילדען גייסט,
וואָס פרישט ווי טוֹי, פוּן גאָט, אוּן ווייזט
אַ נייעם וועג צוּ נייע הימלען—
נאָר איהר וועט טרוּקען זיין ווי שטרוֹי
אוּן ניט אויף אַייך וועט פאַלען טוֹי.
איהר?—איהר וועט אייביג פוילען, שימלען.
אוּן אויב ס'איז נאָך פוּן פריהר געבליבּען
אַ פוּנק פוּן גייסט, געפיהל אוּן גלויבּען,
אַנ'ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרער — —
וועל איך דאָס איינציגווייז אָברויבּען.
אוּן אַייער האַרץ וועט בלייבּען לער
אָהן טַעַם, אָהן רֵיחַ, אָהן לייב אוּן לעבּען...

אוּן וויסט וועט ווערען אַייער צעלט,
אוּן אוּמשלעפּען וועט איהר זיך מיעדע,
ווילד־פרעמדע אויף אַ פרעמדער וועלט
אוּן בּעטלער אויף אַ רייכער סעוּדה,
אוּן שטעהענדיג ביי פרעמדע שוועלען,
וועט איהר די וואוּנדען זיך אויפדעקען
אוּן וועט פאַר פרעמדע זיי אויסשטעלען,
אַ ציטערדיגע האַנד אויסשטרעקען

אַז ציטערען זאָל באַרג און טאָל,
און נעם זיך אָן מיט גאַל און זאָג:
הערט, טויבע, הערט!
עס געהט אַ טאָג,
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט בעגיסען—
נאָר איהר אַליין וועט בלייבען קנעכט
און וועט קיין טראָפּען ליכט געניסען...
און בלינדערהייט, מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר אַרומלויפען פערסמ'ט
אַהין, אַהער, פאַר טויזענד מייל,
און בעטען, חלש'ען אַ שטראַהל...
נאָר אייך בעגעגענט אַ געלעכטער:
וואוהין איהר קומט, האָט איהר פערזאַמט...

איך שלים־אויף אוצרות לעבען, מאַכט,
און ימים פרייד וועל איך צוגיבען—
נור איהר אַליין וועט זיין פערשמאַכט
און אייער קוואַל וועל איך בעטריבען;
און טרוקענע מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר אין פרעמדע טהירען קלאַפּען,
מיט'ן פנים צו דער ערד צופאַלען
און איבער פרעמדע קוואַלען קניען
און דאָרשטיג אייער האַלז אויסציהען

איהר האָט פאַר מיר די טהיר פערמאַכט!
און אָבגעשטויסען איז גאָטס האַנד!
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט!...

נאָר ווייסט, איהר אונגליקליכע, ווייסט—
איך האָב ניט מעהר פאַר אייך קיין טרייסט...
איך האָב אַ וואָרט, אַ שרעקליך וואָרט,
וואָס וועט אייך הויבען פון דעם אָרט;
וואָס וועט דאָס ליכט אייך מאַכען שוואַרץ
און וועט פערסַמ'ען אייך דאָס האַרץ,
אין מויל פערגיפטען אייך דעם ביסען
און ביטער מאַכען אייך דאָס ברויט,
דאָס לעבען וועט דאָס אייך פער'מיאוס'ען
און וועט ניט געבען אייך דעם טויט...
ניטאָ פאַר אייך קיין וואָרט נֶחָמָה!
איך האָב פערברענט שוין מיין נשָמָה
און האָב מיין בונד מיט אייך צוריסען...
צובראָכען ליגט אין דר'ערד מיין מוט—
איך וועל אויף אייך מיין גאַל אויסגיסען
און וועל בעשפּייען אייך מיט בלוט...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אזוי:
„דאָס לעצטע מאָל שריי אויס איין „אוי!"
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטען מאָל,

דער ווינד פערטראָגען מיט איין בלאָז;
נאָך איינם האָב איך געזאָגט—איז דאָס
געפאַלען, ווי אַ פונק אויף גראָז—
נאָר טרוקען איז געווען דאָס גראָז
און אויסגעברענט האָט דאָס מיט רַעַש
און ס'איז דערפון געוואָרען אַש.
האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ קול—
האָט דאָס געטראָפען ווי אַ קויל
און ווי אַ דונער דורכגעלאָפען
אין מיטען שענעס, העלען טאָג
און גלייך אין האַרצען אייך געטראָפען—
און אויסגעבראָכען האָט די קלאָג!
און אויסגעשאָסען האָט די טרער!—
נאָר, וועה מיר! פאַלש איז אַייער געוויין!
ניט קיינער, קיינער גלויבט איהם מעהר,
ניט גאָט, ניט איך, ניט איהר אַליין...

בין איך צו אַייך אין שמוץ געקראָכען
און אַלע קליידער אַיינגעריכט,
כ'האָב מיט די הענד פאַר אייך געבראָכען
און הילף ביי אַייך פאַר אייך געזוכט...
נאָר קיינער קומט צו הילף ניט, קיינער,
און איך בין איינער, איינער, איינער...
מיין תְּפִלָה האָט געהערט די וואַנד,

איך בין געבענשט פון גאָט מיט גייסט—
אייך וועל איך שענקען מיין נְשָׁמָה...
איך בין פון גאָט מיט מוט בעשמירט,
וואָס רייסט איים בערג און ווערט נישט מיער.
וואָס לאָזט מיין רוקען זיך נישט בויגען
און קוקט דעם בייז גלייך אין די אויגען;
און גאָט האָט מיר געשענקט אַ צונג,
אַ שאַרפע, ווי אַ שאַרפער קלונג,—
אויב איהר זענט שטיין—איז זי אַ אייזען,
אויב איהר זענט אייזען—איז זי שטאָהל...
איך קום, איך וועל זיך נאָר בעווייזען—
און איהר וועט אויפשטעהן מיט אַ מאָל!"...
איצט שטעה איך אונטער אייער טהיר—
און אָבגענומען איז מיין לָשׁוֹן;
עס הייגגט אַ שווערע נאַכט אויף מיר—
מיין פונק, מיין ליכט איז אויסגעלאָשען.
מיך האָט בעגעגענט שפּאָט און שאַנד,
איהר האָט פאַר מיר די טהיר פערמאַכט—
און אָבגעשטויסען איז גאָטס האַנד
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט...

איך האָב שוין מעהר קיין שפּראַך פאַר אייך—
פאַר אייך איז פרעמד און טויט גאָטס שפּראַך.
איך האָב געזאָגט איין וואָרט—האָט דאָס

נאָר איין געפיהל און איין פערלאַנגען
האָט טיעף געגליהט אין מיינע ביינער:
איך האָב געפּיהלט, איהר זענט ביי שלאַנגען...
און מיט אייך, ביי אייך—קיינער, קיינער...
מיך האָט געטריבען אייער וועהטיג,
איך האָב געמיינט: מיין הילף איז נייטיג.
איך בין געשטראָפט פון גאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרענקט פאַר יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדען שמאַרץ
און ווערט פערברענט פון יעדענס גֵיהִנֹם...
איך האָב געהערט: עס איז אייך שווער;
איך האָב געמיינט: איהר פיהלט און ווייסט
און וואַרגט זיך שטיל מיט אייער טרער
און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט,—
און טייער זענען די מינוטען...
„איך געה, איך קום,—כ'וועל היילען וואונדען,
מיט אייך אינאיינעם וועל איך בלוטען,
און וואו מען דאַרף, וועל איך פערבינדען,
און וואו מען מוז, וועל איך אָבלעקען
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אייער וואונד.
כ'וועל טרייסטען, בעטען, וויינען, וועקען—
און וועל ניט לאָזען געהן צו גרונד!
איך געה, איך קום—איך טראָג אַ טרייסט,
איך טראָג אַ בשורה פון נֶחָמָה;

# דאָס לעצטע וואָרט.

(נְבִיאִ יש)

איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט,
ער האָט געזעהן: איהר ווערט דערשטיקט;
ער האָט געזעהן: איהר פוילט און פאַלט,
איהר ווערט פון־טאָג צו טאָג מעהר אַלט,
און אָבגעלאָזט האָט זיך די האַנד
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט—
און גאָט האָט זיך אָן אייך דערמאַנט
און ער האָט מיך צו אייך געבראַכט;

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו שווער דער יאָך—איך קען ניט מעהר!...
געה רייס פון זייער האַרץ איין „אוי!"
שיס אוים פון זייער אויג אַ טרער!
און שווער זאָל זיין די טרער און ביטער,
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אַזוי—די ערד זאָל טון אַ ציטער
און אָבטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס".
איך האָב געפאָלגט און בין געגאַנגען,
מיין וועג איז פול געווען מיט שטיינער;

פון שטאָדט צו שטאָדט, וואו ערגיץ אַ יְרִיד,
און אונטער אַלע פרעמדע הויכע פענסטער
זינגט הייזעריגע בעטלערשע נִגוּנים,
און רַחמים בעט, און שנאָרערט אויס, און שווינדעלט,
ווי ביז אַ הער, מיט אייער פלייש און ביין.

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

און איצט געגאַנג, אַנטלויף, דו מענש, אַנטלויף אויף אייביג!
אין וויסטען מִדְבָּר לויף—און ווער משוגע!
צורייס אויף טויזענד שטיקער דיין נְשָׁמָה
און וואַרף אַרויס דיין האַרץ פאַר ווילדע הינד;
און לאָז דיין טרער אַראָבפאַלען אויף הייסע שטיינער
און דיין געשריי זאָל איינשלינגען דער שטורעם...

און זעה! אַ מאַרק, אַ מאַרק פון לעבעדיגען בראָכוואַרג!
דערשלאָגענע, האַלב-טויטע מענשען-ווערים,
צעבראָכענע און אויסגעקרימטע רוקענס,
פערוויקעלטע אין שמאַטעס הויט און ביינער,
מיט קינדער וויסטע קאַליקעס, מיט ווייבער
צום טויט פאַרמאַטערטע און איינגעדאַרטע,
אַ היישעריק, סוף-זומערדיגע פליגען,
בעפאַלען טהיר און טויער, אַלע פענסטער,
בעלאַגערען די שוועלען פון די הייזער
און שטרעקען-אויס, געלערענטע-צו-בעטלען,
מיט אויפגעדעקטע אייטערדיגע וואונדען
און יעדערער שרייט אויס זיין פעקעל סחוֹרה,
פערר'ייסענדיג די לויזע אויגען צו די פענסטער,
ווי קנעכט, ווי הינד געשלאָגענע צום בַּעל-הַבָּית!
אַ גראָשען פאַר אַ וואונד, אַ גראָשען פאַר אַ וואונד!
אַ גראָשען פאַר אַ טאָכטער אַ געשענדעטע!
אַ גראָשען פאַר אַנ'אַלטען טאַטענס טויט
און פאַר אַ יונגען חוּפּה-זוהן אַ קָדוֹש!

צום בֵּית-הַקְבָרוֹת מיט די טאָרבעס, שלעפּער!
אַהינצו געהט, גראָבט אויס די ווייסע ביינער
פון אייערע קדוֹשים'ס פרישע קבָרִים,
שטאָפּט אָן די טאָרבעס, יעדערער זיין טאָרבע,
און לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין, און שלעפּט זיך

„פֿאַר די צַדִיקִים טוּ , פֿאַר פֿרומע זְקֵנִים!
פֿאַר וויגענדיגע קינדער טוּ , פֿאַר פּיצלעך קינדער!"
און נאָכשרייען מיט קוֹלֵי־קוֹלוֹת וועט דער עוֹלָם,
אַזוי אַז אַלע ווענד און ווילען פֿון דעם הויז
מיט דיר אינאיינעם וועלען ציטער'ן פֿאַר פַּחַד—
וועל איך אויף דיר אַנ'אַכְזָר זיין, אַ גרויסער אַכְזָר—
מיט זיי וועסט דוּ ביי מיר נִישְׁט וויינען!
און הויבט זיך אויף אין דיר אַ בריל און רייסט זיך—
דערשטיק איך איהם צעווישען דיינע ציינער!
דוּ זאָלסט דאָס אונגליק ניט ווי זיי פֿערשוועכען,
פֿאַרבלייבען זאָל דאָס אונבעקלאָגט לְדוֹרוֹת...
און דיין ניט־אויסגעוויינטע טרער בעגראָב אין זיך,
אין האַרצען טיעף פֿאַרמויער זי, בוי אויס דאָרט
פֿון האַס, פֿון גרימצאָרען און גאַל פֿאַר איהר אַ פֿעסטונג,
און לאָז זי וואַקסען דאָרט אַ שלאַנג אין נעסט,
און זייגען זאָלט איהר איינער פֿון דעם צווייטען,
און תָּמִיד בלייבען הונגעריג און דאָרשטיג!
און ווען אַ בייזער יוֹם־הַדִין וועט קומען—
צוּברעך דיין האַרץ, בעפֿריי די בייזע שלאַנג,
און לאָז זי אָפּ ווי אַ פֿער'סַמ'טע פֿייל,
טויט־הונגעריג מיט ברענענדיגען גיפֿט,
אין מיטען האַרצען פֿון דיין אייגען פֿאָלק...

און מאָרגען געה אַרויס אין גאַס, בֶּן־אָדָם,

און איין פערצווייפעלטען און מוֹרָא'דיגען יאָמער,
וואָס וואַרפט זיך ווי אַ קראַנקער אין דער לופטען
אויף קעפּ, פערריכענע צום פייכטען באַלקען,
אויף פּנימער, פאַר וועהטיג אויסגעקריטטע...—
אַ גרויל, אַ גרויל! אַ פראָסט נעמט דורך דיין לייב!
אַזוי קלאָגט נאָר אַ פאָלק, וואָס איז פערלוירען,
וואָס אַש און רויך איז זיין נְשָׁמָה, און אַ מִדְבָּר,
אַ וויסטער מִדְבָּר איז זיין האַרץ געוואָרען;
קיין איינציג גרעזעל האַס, קיין קערינדעל נְקָמָה!
דו הערסט? ווי קלאַפּען זיך אין ברוסט „אָשַׁמְנוּ!"
ווי בעטען, איך זאָל ווי די זינד פערגעבען...
צי זינדיגט דען אַ שאָטען אויף די וואנד—
אַ שאַרבען אַ צובראָכענער, אַ טויטער וואָרים?—
וואָס בעטען זיי? וואָס שטרעקען זיי די הענד?
אַ פייסט וואו איז? וואו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָברעכנען פאַר אַלע דורות,
און אַיינלייגען די וועלט, צורייסען הימלען,
מיין שטוהל, מיין כִּסֵא־כָּבוֹד, איבערקערען!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און הער, בֶּן־אָדָם!
צושרייט זיך דער חַזָן ביים עָמוּד:
„מוֹ, גאָט, פאַר די געשָחטֶ'נע קָרְבָּנוֹת!

אַז דו האָסט מיך אין אָרימקייט געפּונען
און צוגעזעהן מיין עלענד און מיין טרויער.
און געהענדיג צוריק—נעם מיט, בֶּן־אָדָם,
אַ טייל פון צַער מיינעם, פון שטילען וועהטיג.
און מיש איהם אויס מיט צאָרן־גיפט און וואַרף איהם
אין שוים פון די נאָך־לעבעדיגע מֵתִים...

ווילסט געהן צוריק—פאַרקוקסטו זיך אויף גרעזליך.
אַ פרישע יונגע בשורה פון אַ פריהלינג
פילט אָן דיין האַרץ, בעהויכט דיר דיינע אויגען
מיט שטילען באַנג נאָך וויטען, נייען לעבען,—
ס'איז קְבָרִים־גראָז, סע שמעקט מיט טויט, בֶּן־אָדָם!...
ריים אויס אַ הויפען גראָז, פערוואַרף דאָס הינטער זיך
און זאָג דערביי, צומאַכענדיג די אויגען:
„מיין פאָלק איז אָבגעריסען גראָז—צי קען דען
אַן'אָבגעריסענעס נאָך לעבען?...
און קוק זיך מעהר ניט אום—אַנטלויף פון דאַנען,
צו די נאָך לעבעדיגע לויף, ס'איז היינט אַ תַּעֲנִית,
און פאַל אַריין צו זיי אין שוהל, און ווער פערפאַלען
אין זייער ברענענדיגען יַם פון טרערען...
דו הערסט? יְלָלוֹת, ווילדע, שרעקליכע יְלָלוֹת,
דורך מיילער אָפענע, דורך צייהן פערקלעמטע,
צוריסען זיך אויף טויזענד לעבעדיגע שטיקער,
פאַרמישען זיך און גיסען זיך צונויף

דאָ ליעגען זיי געשאָחטן'נע, ווי קעלבער,
און האָסט פאַר זיי קיין טרער, ווי אויך—קיין לוין...
איך בין אַ הער געקומען, טויטע ביינער,
ביי אייך מחילה בעטען: זייט מיר מוחל!
זייט מוחל אייער גאָט, איהר אייביגע פערשעמטע,
פאַר אייער ביטער'ען פינסטער'ן לעבען זייט מיר מוחל,
פאַר אייער צעהן מאָל ביטער'ן, פינסטער'ן טויט.
אז איהר וועט קומען מאָרגען אונטער מיינע טהירען
און אָנקלאַפּען ביי מיר, און מאָנען לוין—
וועל איך אייך עפענען, קומט זעהט—איך האָב נישט:
אַ גאָט'ס רחמנות איז אויף אייך—נאָר כ'האָב נישט!
אַ יורד בין איך, גלייך מיט אייך פעראָרימט...
און וועה, און ווינד און וועה איז אלע וועלטען!
און לאָזען אלע הימלען ברומען פאַר רחמנות!—
אַזעלכע קרבנות—און אומזיסטע!
אומזיסט אַזוי געלעבט, אַזוי געשטאָרבען,
ניט ווייסענדיג צו וואָס, פאַר וואָס, פאַר ועם?
און וואָלקען איינגעהילט איהר קאָפּ וועט אייביג
מיין אלטע שכינה ווינען שטיל פאַר בושה,
און נאַכט אויף נאַכט וועל איך אַראָב פון הימעל
בעוויינען זיך אויף אייער קבר...
די שאַנד איז זעהר גרויס, און זעהר גרויס דער וועהטיג—
און וואָס איז גרעסער?—זאָג שוין דו, בן־אדם!
ניין, שווייג בעסער, און זיי אַ שטומער עדות,

פערלייגט דעם קאָפּ אַרונטער און פערגעהט זיך
און וויינט, און וויינט אין זיך אָהן לשון...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שאַ, געה פּאַמעליך צו, פערשלים די טהיר
און אויג־אויף־אויג בלייב איבער דאָ מיט איהר.
און לאָז זיך אָנזאַפּען אויף איביג דיין נְשָׁמָה
מיט איהרע שטילע, ברענענדיגע ליידען;
און ווען אין דיר וועט אַלעס אָבשטאַרבען און שווייגען—
נעם ריהר זיי אָן—זיי וועלען אויפלעבען און ריידען.
און געה אַוועק, צוטראָג זיי אין דיין שוים
אין אַלע עקען פון דער גאַנצער וועלט
און זוך, נאָר ניט געפין, פאַר זיי קיין נאָמען...

איצט געה אַרוים אין שטאָדט, ווען קיינער זעהט ניט,
און שלייך זיך שטיל, פאַמעליך, צום בֵּית־עָלְמִין,
און שטעל זיך אויף די פרישע קדושים׳ס קבָרים,
אין שטעה, און קוק, און לאָז אַראָב די ברעמען—
און ווער פערשטיינערט!
דיין האַרץ זאָל אויסגעהן, חַלֶשְ׳ן אַ טרער—
נאָר טרוקען ווי אַ שטיין אין מִדְבָּר בלייבט דיין אויג;
און שרייען וועסטו וועלען, רייסען קבָרים,
און ברילען ווי אַן׳אָקס צום שְׁחִיטָה־באַנק געבונדען—
נור שטום ווי די מַצֵבוֹת בלייבסטו שטעהן.
נעם קוק זיי אָן, דאָ זענען זיי די קדושים,

און שפּאַרט זיך דורך פון ליעבער און פון שפּאַלטען
און בלייבט פערגליווערט הענגען אין דער לופטען,
אַ שוואַרצע חופּה אויף דיין קראַנקען קאָפּ.
אַ וועה, אַ שטומער וועה, אַ צַער, אַ גרויסער צַער...
יסורים שטומע פלאַטערען... שאַ, שטילער,
ס'איז נאָך דאָ עמיצער מיט דיר, ער בלאָנזשעט
מיט צוגעבאַכטע אויגען אין דער פינסטער,
פערטיעפט אין אָבגרונדען פון גרויסען אומעט,
שטרעקט אויס פאַר זיך צוויי דאַרע הענד צום שוואַרצען,
מיט שטומע אַנגעבטען אָנגעפילטען, חָלָל
און טאַפּט דאָס פינסטערניש מיט בלינדע פינגער,
נישט זוכענדיג קיין אויסוועג פאַר זיין טרויער—
ס'איז ער, ס'איז ער אַליין, דער גרויסער שמערץ=גייסט,
וואָס האָט זיך זעלבסט פאַרשלאָסען דאָ אין תּפיסה
און אָהן רַחמָנות זיך אַליין פער'מִשפָּט
אויף אייביגע, אויף גרויסע שטומע ליידען;
און ערגיץ דאָ אין שטאַל, אַרום אייך ביידע,
איז נַע־ונַד, און שוועבט אַרום און רוהט ניט,
און קען פאַר זיך קיין ווינקעל ניט געפינען,
אַ מידע, אַ טויט=מידע, שוואַרצע שכינה.
האַרץ=רייסענד! וויינען וויל זי—און זי קען ניט,
האָטש איין געשריי טון—און זי שווייגט...
שטיל וואַרגט זי זיך מיט איהרע טרערען,
פאַרשפּרייט די פליגעל איבער די קדושים,

קריץ שטאַרקער מיט די ציינער און פלאַץ פאַר וועהטיג!

איצט געה אַראָפּ אין טאָל, דאָרט גרינט אַ גאָרטען,
אין גאָרטען שטעהט אַ שטאַל, די טויטע שטאַל,
וואו איינגעשלאָפענע אויף זייערע קרבּנות,
טויט־שכורע פון בלוט, וואַמפּירען ווילדע—
זעה, ליגען דאָ אין שטאַל צעוואָרפען רעדער
צעבראָכענע, מיט בלוט און מאַרך פערשפּריצטע,
מיט שפּיצען אָפענע און אויסגעשטרעקטע,
זי פינגער מערדערשע צו עמיצענס אַ האַלז.
וואַרט אויס, פאַר־נאַכט, ווען פייערדיג און בלוטיג
וועט אונטערגעהן אין מערב־זייט די זון —
זאָלסט דו זיך שטיל אַריינ׳גנב׳ן אין שטאַל—
און ווער פערפאַלען דאָרט אין תהום פון שרעק...
אַ שרעק, אַ שרעק! זי שוועבט דאָ אין דער לופטען!
זי רוהט אויף אַלע ווענד, זי איז איינגעפרעסט אין שטילקייט...
שאַ, הער זיך איין: סע ריהרען זיך די רעדער...
דאָס צאַפּלען דאָרט פון אונטען שטיקער אבֿרים,
וויי וואַרפען זיך אין אייגען בלוט און גוסס׳ען...
אַ שטילער קרעכץ, אַ חאָרחלען פון אַ האַלז
אַ ניט־דערקייקלעטער, אַ לעצטער זיפץ,
אַ צוגעשטיקטער רוף, אַ קריץ פון ציינער...—
דאָס אַלעס וואַלגערט זיך דאָ ערגעץ אונטער רעדער,
און שלאָגט זיך אָן די שפּיצען, אָן די העלצער,

פאַר זיך געשעפּטשעט שטיל מיט ויינע לעפּצען:
„טוּ גאָטעניו, אַ נֵס, פערבּלענד זיי, גאָט, די אויגען,
זיי זאָלען מיך, דיין קנעכט, ניט זעהן...” און נאָכדעם,
ווען איינע האָט זיך יאָ ערוואַכט צום לעבען,
פון בלוט און שמוץ אַרויס צום וויסטען לעבען,
פאַראוּמרייניגט פאַר זיך, פאַר גאָט, פאַר ביידע וועלטען—
איז ער, דער מאַן, פון לאָך אַרויסגעקראָכען,
צו גאָט אין שוהל געלאָפען בענטשען „גוֹמֵל”
און פרעגען דאָרט ביים רָב אַ פרומע שַׁאלָה:
„צי מעג ער מיט זיין אִשָׁה ווייטער לעבען”...

אַרויס קריך, מענש, קום ווייטער, כ'וועל דיר ווייזען
בעהעלטענישען — שטאַלען פון חֲזֵרִים,
און זעה מיט דיינע אויגען אַלע מיסטען,
וואו דיינע ברידער, חַשׁמוֹנָאִים'ס יורשים,
די איניקלעך פון אייביגע קדושים,
אין יעדער לאָך צו דריי מִנְיָנִים האָבען
און יענעם שחִיטה-טאָג זיך אויסבעהאַלטען
און גרויס געמאַכט צעווישען מיסט מיין נאָמען...
אַנטלאָפען ווי די מייז, בעהאַלטען זיך ווי וואַנצען
און ווי די הינד געשטאָרבען... און צו מאָרגען
איז פון שטוב אַ זוהן אַרויס און האָט געפונען
אין מיסט זיין טאַטענס פֶּגֶר... וואָס-זשע ווינסטו, מענש?
צו וואָס פערדעקסטו מיט די הענד דיין פָּנִים?—

אין דר׳ערד אַריין פאַרקריך, אין שוואַרצען קעלער,
און פרעס דאָרט אויף דיין שטאָהלען הארץ פאַר וועהטיג:
דו זעהסט? דאָ האָבען אומריינע עֲרֵלִים
די ריינע טעכטער פון דיין פאָלק געשענדעט.
אויף איינער צעהן, אויף איינער צעהן, די מוטער—
דער טאָכטער אין די אויגען, און די טאָכטער—
דער מוטער אין די אויגען, פאַר׳ן קוילען,
בעת׳ן קוילען, נאָכ׳ן קוילען... נעם זשע,
בֶּן־אָדָם, נעם טאַפּ אָן מיט דיינע הענד די פּלעקען
פון בלוט מיט עפּעס אַנדערש אויף דער קישען,
וואו מיט זיין האַק, וואָס טריפט נאָך ווארעם בלוט,
האָט זיך אַ ווילדער חֲזִיר־מענש געוואַלגערט...
און זעה, בֶּן־אָדָם, זעה: אין יענעם ווינקעל,
דאָרט אונטער יענעם פאַס, ביי יענעם קאַסטען,
פערשטעקט אָהן אָטעם זענען זיך געליגען
חֲתַנִים, ברידער, מענער, זיהן און טאַטעס
און צוגעקוקט פון זייער לאָך, ווי ס׳צאַפּלען
און ווארגען זיך מיט אייגען בלוט און עקעל
די הייליגע, די ריינע, פרומע לייבער,
געדראָשענע פון טָמֵא׳ן גוי און אייזען—
דאָס צוגעקוקט, אין דר׳ערד געליגען און געשוויגען,
און ניט די אויגען זיך אַרויסגעריסען,
דעם קאָפּ זיך ניט צוקלאַפּט און ניט אַראָפּ פון זינען...
און אֶפְשֶׁר האָט נאָך יעדערער פון זיי בעזונדער

אָט הײנגט אַ שפּין—גװה, פּרעג דעם גרינעם שפּין:
ער האָט געזעהן אַלסדינג, ער איז אַן עדות,
אין לעבעדיגער עדות אויף דעם בוידעם,
לאָז ער־זשע דיר דערצעהלען אַלע מַעשׂות:
אַ מַעֲשֶׂה פון אַ בויך מיט פּעדערען געפּילט,
פון נעז־לעבער מיט נעגעל, קעפּ מיט האַמערס,
פון מענשען נאָכ׳ן קוילען קאָפּ־אַראָפּ, װי גענז,
צום באַלקען פון דעם בוידעם אויפגעהאַנגען,
און פון אַ קינד אַ אײַנגעשלאָפענס מיט זײן מאַמעס
צעשפּאָלטענע און טויטע ברוסט אין מײלכען,
און נאָך אַ קינד, אַ לעבעדיגס צוריסען,
אינאײנעם מיט זײן לעצטען שרײ אויף צװײען —
אַ האַלבער „מאַ...!" און „מאַמע" ניט געענדיגט...
און נאָך, און נאָך פיעל מוראָ׳דיגע מַעשׂות,
װאָס לעבערען דײן קאָפּ, פאַרברענען דיר דעם מוחַ
און טויטען דיר אויף אײביג דײן נְשָׁמָה.
און דו דערשטיקסט אין קעהל דײן װילדען בריל
און שפּרינגסט אַראָפּ און לויפסט אַרויס אין גאַס—
און נאָך אַ מאָל פאַר דיר אַ װעלט װי נעכטען,
און אונפערשעהמט גיסט אויס די זון, װי תָּמִיד,
פאַר יעדער שװעל, פאַר יעדער טהיר, איהר שפּילליכט
און װאַרפט אַרויס איהר גאָלד פאַר די חֲזֵירִים...

נאָר װײטער גװה, אַנטלויף פון ליכט, בעהאַלט זיך,

און פריהרט די וואָרצלען פון די האָר אין קאָפ;
און דאָ און דאָרט, פון אַלע שוואַרצע לעכער—
זעה אויגען, אויגען, שטומע אויגען קוקען...
דאָס קוקען די נְשָׁמות פון די קְדוֹשִׁים,
פאַרוואָגעלטע, פערשטויסענע נְשָׁמות,
וואָס האָבען זיך אינאיינעם דאָ אין ווינקעל
צונויפגעפרעסט דערשראָקענע—און שווייגען...
אָט־דאָ האָט זיי די שאַרפע האַק געפונען
און אָט־אַהערצו קומען זיי אַ קוק טון,
צום לעצטען מאָל אין זייערע שוואַרץ־אַפּלען
פער'חַתְמֶ'נֶן פון זייער סוף דעם אָבשיין,
די גאַנצע שרעק פון זייער טויט דעם ווילדען,
די גאַנצע תוֹכָחָה פון זייער וויסטען לעבען...
און ציטער'נד, ווי טויבען פאַר דער שְׁחִיטָה,
דאָ טולען זיי זיך צו דעם דאַך אינאיינעם
און קוקען לאַנג אויף דיר מיט שטומע אויגען,
וואָס מאָנען נור אין פרעגען אָהן אַ לָשׁוֹן
אין טַעֲנֶה'ן שטומערהייט אַלץ יענע אַלטע טַעֲנָה,
וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט דערגרייכט צום הימעל
און וועט צום הימעל קיינמאָל נישט דערגרייכען:
„פאַר וואָס, פאַר וואָס? און נאָך אַ מאָל פאַר וואָס?..."

און דו פערדרייסט דעם קאָפ—ניטאָ קיין הימעל!
אַ דאַך, אַ שטומער דאַך מיט שוואַרצע שינדלען.

דער גאָרטען האָט געבליהט, די זון האָט געלויכטען –
און דער שוחט האָט געשאָחטען...
דער חלף האָט געגלאַנצט, און פון דער וואונד
האָט בלוט מיט גאָלד געפליסט...
אַנטלויפסט? בעהאַלסט זיך אין אַ הויף? – אומזיסט!
אָט איז אַ בערגיל מיסט!
דאָ האָט מען צוויי געקעפט: אַ יודען מיט זיין הונד...
אין מיטען הויף האָט נעכטען זיי איין האַק געקעפט
און היינט האָט זיי אַהער איין שוויין פערשלעפט,
געשנאָרט, געגריבעלט זיך אין זייער אויסגעמישטען בלוט.
שאַ, מאָרגען וועט אַ פרישער רעגען קומען
און אָבשווענקען דאָס בלוט אין רינשטאָק, ס'זאָל נישט שרייען
צום הימעל גוואַלד פון מיסט אַרויס, און אפשר
איז דאָס שוין איינגעזונקען אין דעם תהום דעם שטומען
און זייגט די דערנער אָן ביי אַ פלויט אַ קרומען,
און מאָרגען וועט די זון, ווי היינט, ווי נעכטען,
ווי אַלע טאָג, אַ ליכטיגע אַרויסגעהן
פון מזרח זייט, געמינערט ניט אַ האָר נישט,
און שאַ, און שטיל, און גלייך ווי גאָר נישט...

און ווילד, משוגע ווילד, פאַרקריכסטו אויף אַ בוידעם
און בלייבסט דאָרט שטעהן אין פינסטערניש אַליין;
דו פיהלסט: דאָ שוועבט נאָך איצט אַרום דער טויט-שרעק
און פאָכעט מיט אַ קאַלטען שוואַרצען פליגעל

דו באָדסט זיך אין אַ טייך, אַ ווייסען טייך,
וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון מענשענס בלוטיגען שוויים;
דו טרעטסט אויף גאַנצע בערג צעפליקטע האָב־און־גוטס—
דאָס זענען גאַנצע לעבענס, גאַנצע לעבענס,
צובראָכענע אויף אייביג ווי אַ שאַרבען!
דו געהסט, דו לויפסט, דו פּלאָנטערסט זיך אין חורבן,
מעש, זילבער, פוטער, שמות, זייד און אַטלעס,
צעריסענע. צופליקטע אויף פיץ־פיצלעך,
מיט פיס צוטראָטענע שַׁבָּתִים יָמִים־טוֹבִים, נַדַנ׳ס,
טַלֵיתִים, תְּפִלִין, פּאַרמעט, שטיקער תּוֹרָה,
יְרִיעוֹת הייליגע, קלאָר ווייסע וויקעלעך פון דיין נְשָׁמָה,
ועה, ועה, זיי וויקלען זיך אַליין אַרום דיין פיס
און קושען דיר די טריט פון מיסט אַרויס
און ווישען אָפּ פון דיינע שיך דעם שטויב...—
דו לויפסט? צו ליכט און לופט אַנטלויפסטו?
אַנטלויף, אַנטלויף—דער הימעל לאַכט אויס דיר!
די זון וועט דיר מיט שפּיזען אויסשטעכען די אויגען,
אַקאַציען, מיט פרישע גרינס־און־ווייס בעצויגען,
וועל׳ן סַמֶ׳ן דיך מיט׳ן רֵיחַ פון בלוט און בליטען,
דיין קאָפּ מיט בלימעלעך און פעדער׳ען בעשיטען,
און שטיקלעך גלאָז פון מיטען גאַס מיט טויזענד גלאַנצען
וועל׳ן דיר אַנטקעגען אויף דיין בייז וואונדער טאַנצען...
דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנד געשענקט אַ צווילינג:
אַ שְׁחִיטָה מיט אַ פריהלינג;

# אין שְׁחִיטָה־שטאָדט,

„... פון שטאָהל און אייזען, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיד־אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענש,—און קום!
קום געה אין שְׁחִיטָה־שטאָדט, זאָלסט זעהן מיט דיינע אויגען,
זאָלסט אָנטאַפּען מיט דיינע אייגענע הענד,
אויף צוימען, סלופּעס, טויערן און ווענד,
אויף שטיינער פון דער גאַס, פון אַלע העלצער,
דאָס שוואַרץ־פערטריקענט בלוט מיט די געהירען
פון דיינע ברידערס קעפּ און העלזער.
און אומבלאָנדזען זאָלסט דו צעווישען חורבות
דורך ווענד צובראָכענע מיט אויסגעקרימטע טהירען,
פערביי צעשטירצטע אויבענס, האַלבע קוימענס,
ענטבלויזטע שוואַרצע שטיינער, האַלב־פערברענטע ציגעל,
וואו פייער, האַק און אייזען האָבען נעכטען
אויף דער בלוט־חֲתוּנָה אַ ווילדען טאַנץ געשפּיעלט;
און קריך דורך בוידימער, דורך לעכעריגע דעכער,
און קוק זיך איין אין אַלע שוואַרצע לעכער—
דאָס זענען אָפ׳נע, שוואַרצע, שטומע וואונדען,
וואָס וואַרטען מעהר אויף קיין רפואה אין דער וועלט...
און גאַסען וועסטו געהן, מיט פעדערען פערפּלייצטע —

*

און פּאַר אַ זכר פון היינטיגע חמאַרעם
וועט אויך פערבלייבען אַ נייער „עַל־נַהֲרוֹת“,
וואָס ער וועט הימעל און ערד איבערקעהרען.
גליקליך איז דער און געבענשט זאָל דער ווערען,
וואָס וועט פעראייביגען אייערע טרערען
הייליגע, צוויימויזענד־יעהריגע טרערען.

# גלוסט זיך מיר ווײנען...

גלוסט זיך מיר ווײנען געשמאַקער פֿון האַרצען,
ציהט מיך, ווי חמאַרעס, צום ים, צו דעם שוואַרצען,
טיעפער צו אײך, מײנע עלענדע ברידער.
כ׳ווײס אויך: אַ טרער פון מײן אײגענער מאַמען
בויערט דעם תהום דאָרט אין אײערע ימ׳ען,
בענקט אפשר שטילערהײט נאָך מײנע לידער.

*

כ׳ווײס: איהר האָט טרערען נאָך ניט אויסגעווײנט׳ע,
צרות דערצעהלטע און נאָך מעהר געמײנטע,
וואָס ווי פערשטיקטע, פערבאָרגענע קוואַלען
לעבערן שטײנער און רײסען־אײן קברים,
שלענגלען זיך, בלאנדזען אין דר׳ערד, ווי אַ וואָרם —
און ווערען אין דר׳ערד דאָרט פערפאַלען.

*

דורכשלאָגען זאָלען זיך אײערע טרערען,
גרינגער זאָל ווערען און פרײער זאָל ווערען —
אפשר, ווער ווײסט, וועט נאָך גאָט אַ מאָל געבען!
איבערגעהן וועלען די פינסטערע צײטען,
אײך אונז וועט אפשר געראָטען, ווי לײטען,
בעסערס און שענערס דערלעבען.

# I.
# נאציאנאלע.

געאַרבײַט פֿון פּאָעט אַלײן און יודישען. אױך „דאָס לעצטע װאָרט” האָט אַרײַנגעבראַכט און יודיש אַ שטאַרקען געזונטען הױך פֿון בערג-לופֿט, האָט אונז געװיזען, אַז אױך דאָס יודיש איז פֿעהיג צו קלינגען אַמאָל אַזױ גרױס און מעכטיג, װי די שפּראַך פֿון אַ נביא.

אױטליכער פּאָעט, אַפֿילו דער װעניג-בעגאַבטער, פֿאָרמט און העלפֿט װײַטער שאַפֿען די שפּראַך, װאָס איז איהם געקומען בירושה. דער גרױסער פּאָעט אָבער גיט דעם שאַפֿונגס-פּראָצעס פֿון דער שפּראַך אַמאָל אַזאַ געװאַלטיגען שטױס, אַז אין אַ קורצע צײַט פֿון עטליכע דורות װערט זי נישט צו דערקענען, צוליעב די נײַע רײַכקײַט, די נײַע אוצרות, װאָס זענען איהר צוגעקומען.

די דײַטשען געדענקען נאָך ביז הײַנט לוטהערן, געטהען, ניצשען, װאָס האָבען אױטליכער בעזונדער געגעבען דער שפּראַך נאָר אַ נײַערע געשטאַלט.

פֿאַר דער ענטװיקלונג פֿון העברעאיש װעט ביאַליק נישט שפּיעלען קײן קלענערע ראָלע, װי ניצשע פֿאַר די דײַטשען.

אָבער אױך די יודישע שפּראַך האָט ער געהאָלפֿען אין איהר שװערען ענטװיק-לונגס-װעג.

דען בײַ דעם פּאָעט איז די שפּראַך װי דער לײם בײַם סקולפּטאָר; רוהרט ער זיך נאָר צו איהר צו, מוז זי שױן װערען עפּעס אַנדערש, מוז זי שױן בעקומען אַ פֿאָרם.

ביאַליק האָט אױך דער יודישער שפּראַך געגעבען זײַן פֿאָרם, האָט אױך אין איהר אַרײַנגעלעגט אַ שטיק פֿון זײַן גבורה.

ציסטישע זאַכען, — דענמאָלסט קען מען זיך אונגעפֿעהר פֿאָרשטעלען, ווי רייך און פֿיעלזייטיג איז ביאַליק אַלס פּאָעט, פּראָזאַאיקער און פּובליציסט.

---

## ש.

ביאַליק האָט זיינע גרעסטע און בעדייטענדסטע ווערק געשריבען אין העברעאיש. דער לעזער, וואָס בעקומט היינט פֿון פֿערלאַג „צענטראַל" די געזאַמעלטע פּאָעזיע פֿון ביאַליקס פֿעדער אין יודיש, זעהט שוין, ווי ווייניג ביאַליק האָט זיך גענוצט מיט'ן יודיש פֿאַר זיינע פּאָעטישע געפֿיהלען און איבערלעבענישען.

ווילן מען ריכטיג בעגרייפֿען, וואָס פֿאַר אַ גרויסע ראָלע ביאַליק האָט געשפּיעלט פֿאַר די שאַפֿונג פֿון דער נייַ-העברעאישער שפּראַך — מוז מען לייענען ביאַליקען אין אָריגינאַל.

איטליכער, וואָס וויל קענען גענוי דעם גייסט פֿון אונזער לעצטער צייט, קען בכלל נישט אויסקומען אָהן העברעאיש. דער, וואָס וויל אָבער אַריינדרינגען ספּעציעל אין דעם גייסט נאָך ביאַליקען, מוז שוין אַודאַי גרינדליך קענען די שפּראַך פֿון פּאָעט.

נישט דאָ איז דער אָרט זיך אַריינצולאָזען אין אַ שמועס וועגען ביאַליקען אַלס דעם גאונישען שעפֿער פֿון דער מאָדערנער העברעאישער שפּראַך.

מיר ווילען נאָר אָנווייזען, אַז חאָטש ביאַליק האָט אַזוי ווייניג געאַרבייט אויפֿ'ן אָרימען, קוים בעאַקערטען פֿעלד פֿון פּראָסט-יודיש, פֿונדעסטוועגען האָט ער אויך מיט דעם ווייניגען שטאַרק בעפֿרוכפּערט די יודישע שפּראַך.

מען דאַרף נאָר נעהמען דאָס ביסעלע, וואָס מען האָט געזאַמעלט פֿון יודישען ביאַליק, אום דאָס קלאָר צו זעהען.

ביז ביאַליקען איז דאָס יודיש כמעט נישט געווען מסוגל אויף אויסצודריקען שטאַרקע, מעכטיגע געפֿיהלען. פֿון דער שפּראַך האָט עס געשמעקט מיט דעם „געבעכעל", וואָס ליגט פֿערבעהאַלטען הינטער איטליכען יודישען ביכעל.

אַזאַ געוואַלטיג-קרעפֿטיגע, מיראָדיג-גבורה'דיגע שפּראַך האָבען מיר צוערשט כמעט דערהערט אין יודיש, דערנאָך ווי עס איז אַרויס זיין „שחיטה-שטאָדט", איבער-

טישע מעלות, וועלכע שטעלען איהם אין איין רייה מיט אלע בעגאַבטע אויפריכטיגע דיכטער פון זיין צייט און פאר זיין צייט.

ביאַליק האָט אונז נעגעבען אַ גאַנצע רייה פון אויסגעצייכענטע לירישע ליעדער. די פאָעמע „המתמיד" צייגט אונז ביאַליקען אַלס גוטען ליריקער און אלס דעם, וואָס איז צוגלייך מיט פייערבערגען און אַנדערע פון זיין יוגענד-צייט געשטאַנען אויף דער גרעניץ פון ראָמאַנטיק און רעאַלער קריטיק. ביאַליקס „מתמיד" איז נישט די שילדערונג פון אַ געוויסען כאַראַקטער אָדער טיפ, נאָר די אומעטיגע, הייליגע, ראָמאַנטישע און צוגלייך רעאַל-קריטישע, פערביטערטע בעציהונג צום יודישען בית-המדרש, וועגען וועלכען פייערבערג האָט אמאָל געזאָגט, אַז „עס איז דאָס פינטעלע פון דער וועלט".

און אַ גאַנצען ציקל שירים האָט ביאַליק אונז געשילדערט די אָרימקייט, עלענדקייט פון אַ יודישער יונגעלשער נשמה, און אויך דאַ האָט ער נישט געהאַט אַזוי אין זינען די אָרימקייט פון איינצעלנעם פון אַ קלאַס, ווי די אָרימקייט בכלל, וואָס ציטרעט מיט איהר ברודינגער לאַפּצע די שענסטע בלומען און שפּראָצונגען אונטער גאָטס הימעל.

מיר געפינען אויך ביי ביאַליקען אַ סך פּאָעטישע ווערק, וואו ער חאַפּט אַזוי קונציג דעם טאָן פון דעם פאָלקס-מענשען מיט זיינע קליינע ליידען און דער סביבה פון אַ קליינשטעדטעלדיגען לעבען. (זעה „מיין גאָרטען" א. אַנד.).

ביאַליק האָט געוויזען דאָס מייסטער-שטיק אַריינצופּאַסען דאָס נאַאיווע יודישע פאָלקס-ליעד אין דער אלטער העברעאיש-אַראַמעאישער שפּראַך פון אונזערע אורעלטערן, און דערביי נישט צו פערלירען קיין איין טאָן פון דעם דאָזיגען פאָלקס-ליעד, וואָס ווערט געזונגען פון דעם יודישען שוסטער און שניידער, פון דעם פּראָסט-יודישען כלה-מיידעל.

עס געפינען זיך אויך הומאָריסטישע ליעדער ביי ביאַליקען, וואָס פערוואונדערן אונז מיט דער בויגיגקייט פון דער שפּראַך און מיט דעם געזונדען הילכיגען לאַכען, וואָס קויקעלט זיך אין זיי.

חוץ דעם האָט ביאַליק אונז בעשענקט מיט עטליכע נאָוועלען, פון וועלכע „אריה בעל גוף" איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער.

ווען מען נעהמט נאָך ביאַליקען אַלס פּראָזאַ-שרייבער, וואָס איז אין אַ געוויסען זין דער גרויסער תלמיד פון דעם זיידען ר' מענדעלע, און אַ טייל פון זיינע פּיבלי-

איבער־ציגעבען די בעוועגונג פֿון אַ יונטעל, אַ הונט, אַ שטורם אויף אַ טויטען האַרטען ליינוואַנד, — אָט אַזוי האָט אונז ביאַליק געגעבען אַ מוסטער, ווי מען קען אין האַרטע טויטע ווערטער אַריינבלאָזען דעם ריטם פֿון אַ נשמה, וואָס צאַפּעלט זיך אין דער שטורמישער בעוועגונג פֿון אַ טויעף געפֿיהל, דעם טאַנצענדיגען ריטם פֿון אַ נאַרב לובּש־שטראַהלען, וואָס רייסען זיך אַריין דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ פֿערמאַכטען פֿענסטער, אָדער וואָס פֿערפּלאָנטערן זיך אין די שאָטענס פֿון אַ געדיכטען וועלדעל ביי אַ שטיל פֿערבע־האַלטענעם טייכעל.

ביאַליק איז דער מייסטער פֿון דער בּ ע וו ע ג ו נ ג אין וואָרט, ווי מאַנכע גרויסע מאָלער אין בילד.

און ווען מען בעדענקט נאָך, אַז די איבערגאַבע פֿון דער בעוועגונג אין דער נאַטור איז איינע פֿון די הויפּט־אויפֿגאַבען און הויפּט־פּראָבלעמען פֿון דער מאָדערנער קונסט, פֿון דער גאַנצער קונסטלערישער וועלט — פֿון די אימפּרעסיאָניסטען ביז צו די לעצטע פֿוטוריסטען — זעהען מיר, אַז ביאַליק, דער עלעמענטאַרער באַרבּאַרישער ביאַליק, דער ביאַליק, וואָס ווייס אַפּילו נישט פֿון די קלאַסישע גריכישע מוסטערן, און וויל פֿון זיי נישט וויסען (לייען דר. יוסף קלויזנערס אַרטיקעל וועגען ביאַליקען), איז דער מאָדערנסטער פּאָעט נישט נאָר ביי אונז, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

## VI.

אין די פֿאָריגע קאַפּיטלען האָבען מיר געפּרובט אַרויסצושיילען דעם קערן פֿון ביאַליקס פּאָעטישער פּערזענליכקייט, מיר האָבען געזוכט איהם אָבצוגרעניצען פֿון אַנ־דערע פּאָעטישע נאַטורען, און דורכדעם איהם בולט'ער אַרויסצושטעלען פֿאַר דעם לעזערס אויגען. מיר האָבען געמיהט זיך, אַז מיט'ן נאָמען ביאַליק זאָל דער לעזער פֿערבינדען די פֿאָרשטעלונגען, וואָס האַרמאָנירען מיט דעם חאַראַקטער פֿון זיין פּ אָ ע ז י ע.

איצט אָבער וועלען מיר אין קורצען בעהאַנדלען ביאַליקען אלס דיכטער סתם, וואָס פֿערמאָגט חוץ זיינע אויבּענדערמאָהנטע געניאַלע מעלות נאָך אַ סך אַנדערע פּאָע־

ווילט מען ביאַליקן געניסען ווי עס דאַרף צו זיין, מוז מען זיך זעצען אויף די פֿליגלען פֿון זיין שטורמיגען האַרצען, מוז מען זיך אָבזאָגען פֿון די ווייכע זעסלען און סאַמעטישען סאַלאָן־וואַגאָן, וואָס זענען מיט אַ כּיון בײַ די עסטעטישע ליריקער אויס געבעט מיט גוטע שפּרונג־פֿעדערן.

ביאַליק אַלס פּאָעט איז נאַטירליך, עלעמענטאַר און האָט נישט די קליינע הילפֿס־מיטלען, די קליינע פֿײַלעכלעך, מיט וועלכע עס בענוצט זיך אַזוי שטאַרק דער מאָדערנער אייראָפּעאישער פּאָעט, וואָס איז אַזוי מוראָדיג אָנגעזעטיגט מיט קונסט, עסטעטיק און נאָך אַזוינע גוטינקייטען, אַז עס קומט שוין בײַ איהם אַרויס ווי אַ קלייד פֿון אַ גרויסען פּאַריזער מאָדען־שנײַדער, וואָס וואַרימט מעהר דאָס אויג, ווי דעם פֿריר־ רענדיגען גוף, וואָס קיצעלט מעהר אונזערע מאַנסבילשע געפֿיהלען, ווי ס'דערוועקט אַ טיעפֿע, שטומע ליידענשאַפֿט

מאַנכמאָל שטעלט זיך מיר ביאַליק פֿאָר, ווי דער גִבּוֹר אין דאָרף, וואָס פֿער לאָזט זיך מעהר אויף די מוסקלען פֿון זײַנע געזונטע קרעפֿטיגע הענד, ווי מאַנכער בהור אויף זיין שטעקען און דובינקע. ער גלויבט מעהר אין זײַן איינענעם כּח, ווי אין דעם כּח פֿון דער דובינקע, וואָס ער צובּרעכט דאָס לײַכט, ווי אַ שוועבעלע.

ס'וועלען זיך אֶפשר געפֿינען מענשען־מפֿונקים, וואָס וועלען זיך בעקלאָגען דערויף, וואָס אונזער ביאַליק האַלט נישט פֿון אייראָפּעאישען פֿראַק. פֿאַר דעם אָבער, פֿאַר וועמען די עכטע פּאָעזיע איז די קראַפֿט פֿון אויסדרוק, איז די מאַכט אײַנצוזוימען אַ שטורמיג עכט געפֿיהל אין האַרטע גלאַנציגע ווערטער פֿון אַ שפּראַך — וועט זיך פֿרע־ הען, וואָס דער אייראָפּעאישער פֿראַק ווערט צושפּאַרט פֿון ביאַליקס מעכטיגער, שטע־ דיג בעוועגליכער ברוסט.

ווען איך זאָל פּרובען וועלען אין קורצע ווערטער אָבשאַצען דעם הויפּט־פּונקט אין ביאַליקס פּערזענליכקײַט, וואָלט איך זאָגען, אַז ער איז איינער פֿון די ווענינע גרויסע פּאָעטען, וואָס האָט געפֿונען אין דעם קינסטלערי־ שען וואָרט דעם אויסדרוק פֿאַר די קאַפּריזע וועלען־בעוועגונג אין דעם מענשענס נשמה, ווי אין אַ טייל פֿון דער נאַטור.

אַקוראַט ווי, למשל, דער גרויסער יודישער מאָלער איזראעלס, און דערנאָך ליבערמאַן, האָט צוערשט בעוויזען, אַז מיט אַ פּענזעל פֿון אַ מאָלער איז מעגליך

האָבען מיר נישט קיין פּאָעטישע ליניען פֿון אַ בילד, וואָס מען קאָן מאָלען, נאָר בעקומען דורך דעם פּאָעטס ווערטער אַ בילד פֿון עפּעס אַ בעוועגליכער זאַך, וואָס רופֿט ביי אונז אַרויס עטוואָס ענהליכעס צו דעם געפֿיהל, וואָס עס האָט איצט דורכגעלעבט דער פּאָעט.

ח. נ. ביאַליק, וואָס מוהט זיך שטענדיג אויסצודריקען אין פּאָעטישע ווערטע־אַ געפֿיהל, עפּעס אַזוינס, וואָס איז שטענדיג אין שטראָמענדיגען צושטאַנד, וואָס האָט נישט קיין קלאָרען אָנפֿאַנג און קיין קלאָרען סוף, וואָס איז תמיד אין דער בחינה פֿון אַנ׳עצם (אַנ׳אָביעקט), וואָס ווערט געוואָרפֿען און געשלייַדערט, געיאָגט און געטריבען, קורץ — בעוועגט אויף אַלע אופנים — איז געוואָרען דער מאָלער פֿון דער בעוועגונג אין דער נאַטור, און כמעט נאָר פֿון דער בעוועגונג.

ביאַליק קען נישט די רוהיגע מאָלערישע ליניע, ווי ער קען נישט, מיט זעלטענע אויסנאַהמען, דעם רוהיגען צושטאַנד פֿון עפּעס אַ זאַך אין דער נאַטור. און ווען מיר געפֿינען ביי ביאַליקען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענהליך צו מאָלעריי — ווערט איהר דערמאָלסט בעמערקען באַלד, אַז נישט צוליעב דעם איז איהם אַרויס דאָס בילד מאָלעריש קלאָר, ווייל ער האָט גענומען אַ וועניגער טאַנצענדיגע ליניע, נאָר דערפֿאַר, ווייל זיין געפֿיהל איז אַזוי שוין אַזוי שוואַך אין דער בעוועגונג, אַזוי מעלאַנכאָליש־מאַט, כמעט קריכענדיג, אַז דאָס געפֿיהל קומט ממילא אַרויס מאָלערישער און רוהיגער אין זיינע מאַטע ליניען. (זעה „מכתב קטן לי כתבה“, „הכניסני תחת כנפיך“ א. אַנד.).

אין דעם ליעגט אויך דער גרויסער אונטערשייד צווישען די געוועהנליכע ליריקער אין דער ליטעראַטור און דער ליריק פֿון ביאַליקען. ביי די מייסטע ליריקער ווערט דאָס געפֿיהל איינגעפּאַקט אין אַ רוהיגע מאָלערישע ליניע, צוליעב וואָס דאָס געפֿיהל פֿערליערט אָפֿט אין זיין קראַפֿט, דערפֿאַר אָבער טרעט דאָס אַרויס, חאָטש אָבגעשוואַכט, נאָר אַנגענעהם אין עסטעטיש פֿאַר׳ן געניסער פֿון דער קונסט. ביי ביאַליקען אָבער איז זיין לירישע שטימונג די הויפּט־זאַך; ער ווערט דאָס געפֿיהלטע קיינמאָל נישט וועלען אָנטון אַ קלייַדעל, האָטש פֿון אַ פּרינצעסין, ווען דאָס וועט לייַדען אין דער בעוועגליכקייטס־קראַפֿט. ער וועט בעסער בלייבען ביי דעם „באַרבאַר“ אין דער קונסט, לויט דעם אייראָפּעאישען פֿערפֿיינערטען געשמאַק, נאָר ער וועט נישט קיינמאָל זיין אויף איין צאַפּעל און ציטער פֿון זיין אינווייניגסטען געפֿיהל.

## III.

ווען מיר לייענען בײַ ביאַליקען:

„אונטער די גרינינקע בוימעלעך
שפּילען זיך משה׳לעך, שלמה׳לעך;
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאה׳לעך —
יודעלעך פריש פון די אייעלעך.
גופ׳עלעך — שטרוי, רויך און פעדערלעך,
נעהם און צובלאָז זיי אויף גלידערלעך —
חאַפּען זיי אויף גרינגע ווינטעלעך
און עס צוטראָגען זיי פייגעלעך״. — —

אָדער:

„עס האָט מיך פערפלאָנטערט מיט גרינס און מיט בלומען
וואו באַבאָטשקעס צאַפּלען אין נעצען פון שטראַהלען,
וואו ס׳ציטערט די לופט פון דעם גרילצען און זשומען —
און איך בין פער׳כשופ׳ט צו דר׳ערד צוגעפאַלען״. — —

אָדער ווען מיר נעהמען זײַנע בעריהמט-געוואָרענע „צפרירים״, „זוהר״, ווען „איבער מײַן פענסטער-געזוימס חאַפּען זיך אויף די נעסטען פייגעלעך און יובצען און צווישערן „צווייש״! „צוויטש״! אָהן אַ סוף, און אין דעם גלאַנץ פון מײַן שויב הויבען אָן די מאָרגענדיגע שד׳לעך צו פינטלען און ווינקען מיט אַזאַ שטיפעריש חן. זיי טאַנצען און פינקלען מיט אַ יובצענדער ווילדקייט, בעהעפטען זיך ווי טויבען אָן גלאָז פון מײַן שויב, גלעטען און דרינגען אײַן מיט אַ ליבּע, וואָס עס שטראָמט אין וואָס עס צוגיסט און צופלייצט זיך איבער מיר״. (צפרירים). — —

אָדער זײַן „עם פתיחת החלון״, וואו „עס ברעכען זיך דורך טויזענדער גלאַנצען, פערגיסען מיט ליכט די באַלקענס די ווענד. אַלע ווינקעלעך, וואָס האָבען מיט אַמאָל פול נעמאַכט איטליכם לאָך מיט דעם גאָלד זייערען״... — — —

ביאַליק, אַלס דער גרויסער געפֿיהלס-מענש, פֿערוואונדערט אונז מיט זיין איינגע-האַלטענקייט, שטומקייט, מיט זיין קורצקייט פֿון זיין בילד, קנאַפּקייט, וואונדערליכער אָבגעוואויגענקייט און אָבגעמאָסטענקייט פֿון זיין וואָרט און פּאָעטישען זאַץ — און צוגלייך דערטרינקט ער אונז אין אַ מבול פֿון ווערטער און בילדער, וואָס מאַכען אויף אונז אָפֿטמאָל דעם איינדרוק פֿון אַ צוזאַמענגעוואָרפֿען בערגעל פֿון בריליאַנטען, דימענטען, שטיינער און זאַמד.

אָבער דאָ ווי דאָרטען איז עס דער איינענער ביאַליק, וואָס רעדט מיט אונז די שפּראַך פֿון געפֿיהלען, אַ שפּראַך, וואָס קען זיין שטום, ווען זי צייגט זיך אין אַ סך ווערטער, און וואָס קען זיין געוואַלטיג בערעדעוודיג, ווען זי זאָגט נאָר איין וואָרט, אַ וואָרט, האַרט, פֿעסט, געשליפֿען און שטראַהלענדיג ווי אַ בריליאַנט.

ווען ביאַליק איז שטום, קורץ און קנאַפּ, קלינגט מאַנכמאָל זיין וואָרט ווי דער איינאיינציגער קלינג און דער שטילער פֿינסטערער נאַכט פֿון אַ גלאָק אין אַ טורים.

ווען ביאַליק צוגיסט זיך אין אַ סך ווערטער, ברויזט פֿאַר דעם האָרכענדען אויער הינטער דעם שטראָם ווערטער — אַ גרויסער ברייטער טייך, וואָס איז אויפֿגערודערט געוואָרען ביז צו זיינע גרונדען.

עס איז, לויט מיין מיינונג, נישט ריכטיג, ווען מען בעשולדיגט ביאַליקען אין דעם, וואָס זיינע פּאָעמען זענען נישט האַרמאָניש אין דער ליניע און געבוי, און בילד. זיי האָבען אַן'איינענע האַרמאָניע, די האַרמאָניע פֿון טיעפֿע געפֿיהלען און ליידענשאַפֿטען, וואָס האָבען בעקומען לשון. און זיי איז די האַרמאָניע פֿון אַ פֿערצוימטען טייך, וואָס רייסט זיך דורך אַ קליינע עפֿענונג אין אַ שטיינערנער וואַנד.

ווער עס ווערט נישט מיטגעריסען מיט'ן שטראָם, האָט פֿון זיין קראַפֿט נישט געגאָסען, פֿערלאַנגט פֿון איהם עסטעטישע האַרמאָניע, קורץ, פֿערלאַנגט פֿון איהם רוהע, און דער צייט, ווען ער איז די קראַפֿט, די בעוועגונג, דער שטורים...

אַזוי געוואַלטיג, אַז מען קאָן נאָר מיט פֿיבערדיגע טרוקענע אויגען קוקען אויף דער ווילדער בלינדער עלעמענטאַרער קראַפֿט, וואָס צושטערט אַזוי אימברחמנותדיג בלוי־הענדיגע לעבענס און אייידעל פֿיהלענדיגע הערצער.

אָפֿטמאָל צוהאַקסט זיך אַזוי גרויס דאָס אומאָראַלישע, די איננערלבטיגקייט, אַז מען הויבט אָן זיך מיאש זיין אין דער גערעכטיגקייט פֿון האַרצען אין דער וועלט — און מען שעמט זיך פֿאַר דעם קאַלטען אכזר זיך פֿערמיאוסען מיט אַ טרעזור.

ביאַליק פֿערגראָבט דענמאָלסט זיינע ביטערע געפֿיהלען טיעף אין שטאָהלערנעם האַרצען און ברייט פֿון זיי אוים אַ שרעקליך געטראַנק, וואָס זאָל זיך אַמאָל צוגיסען איבער דער קאָרע פֿון דער ערד, אַז זי זאָל אין שטיקער צושפּאָלטען ווערען, וואָס זאָל אַמאָל זיך צושפּריצען און צופֿליהען אין דער לופֿט מיט איהר שטיקענדען אָטעם און פֿערניפֿטען די בלאָהע הימלען, וואָס האָבען נאָר אַ ליעבען שמייכעל פֿאַר די גרעסטע אכזריותען, וואָס קומען טאָג־טעגליך פֿאָר אין דער מענשען־וועלט.

(„די שחיטה־שטאָדט”, „בקשו רחמים עלי”, „מגילת האש”).

אפֿילו אויך דענמאָלסט, ווען ביאַליק ציגיבט זיך אין ווערטער מיט אַזאַ בערעדונגס־קראַפֿט, אַז עס דוכט זיך — ער וועט קיינמאָל נישט אויפֿהערען — אויך דענמאָלסט פֿיהלען מיר, אַז עס רעדט צו אונז אַן'אָנגעפֿילט האַרץ, וואָס מוז נאָך אַ סך מעהר איבערלאָזען, איינהאַלטען, איינשטומען אין זיך, ווי דאָס, וואָס עס רעדט זיך אַרויס.

ווען דער נביא רעדט, פֿערפֿולט פֿון צער און רחמנות:

„איך נעה און קום, פֿ'וועל היילען וואונדען” א. אַז. וו. (זעה אויבען) —

פֿיהלט מען נאָך דעם גאַנצען טאָן נאָך, אַז דאָס גיסט זיך נאָר אַרויס אַ קליינער שטראָם פֿון דעם גרויסען געפֿיהלס־קוואַל, וואָס שטורעמט אין נביא'ס האַרצען. אויך ווען ער צירעדט זיך אַזוי שטאַרק, פֿיהלען מיר, אַז דאָס גרעסטע, וואָס איז געבליבען אינווייניג, איז נאָך נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרען.

דען דאָס איז שוין די פּסיכאָלאָגישע נאַטור פֿון דעם געפֿיהלס־מענשען, אַז דער גרעסטער שאַץ פֿון ווערטער איז נישט בכח איבערצוגעבען דאָס גאַנצע פֿון זיין האַרצען. גראָד ווען אַזוינע מענשען שוטען מיט ווערטער אָהן אַ ברעג און אָהן אַ סוף — זעהט מען ווי שטום איז זייער לשון פֿאַר דאָס טיעפֿסטע פֿון זייער האַרץ.

פֿלינגלען איבער דער ווײַטער צוקונפֿט, וואָס פֿיהלט נישט דעם צוטער פֿון די שאָטענס, וואָס קומען שוין פֿון די צוקונפֿטיגע וועלטען.

די נביאים אָבער זענען געוועזען נישט נאָר דאָס גרויסע האַרץ פֿון פֿאָלק ישראל — זיי זענען אויך געוועזען די גרויסע מענשען, וואָס האָבען געפֿיהלט די שאָטענס פֿון די קומענדיגע פֿעלקער און די קומענדיגע וועלטען; זיי זענען אויך צווישענווײַז געוועזען דאָס גרויסע האַרץ פֿון אַלע פֿעלקער, וואָס „בשם ה׳ יקראו״.

ח. נ. ביאַליק איז נישט דער גאַנצער נביא, ווען מען קלערט וועגען אַ ישעיהו, אָבער ווען מען פֿערגלײַכט איהם מיט די שפּעטערדיגע נביאים, מיט אַ חבקוק, מיט אַ מלאכי, אַפּילו מיט אַ יחזקאל — שײַנט שוין נישט צו זײַן דער דאָזיגער פֿערגלײַך אַ גוזמא פֿון אַ בעגײַסטערטען ביאַליק-פֿערעהרער.

איצט, ווען מיר קעהרען זיך צוריק צום אָנפֿאַנג פֿון אונזער קאַפּיטעל, ווערט אויך פֿערשטענדליך, פֿאַרוואָס ביאַליק האָט זיך געמוזט אויסשמידען אַ האַרץ פֿון שטאָהל, פֿערשטעהען מיר שוין, פֿאַרוואָס איז דאָס בילד פֿון פּאָעטס האַרצען אַזוי חאַראַקטעריס-טיש פֿאַר איהם. ביאַליקס געפֿיהלס-לעבען איז צו שטאַרק, צו שאַרף, צו רײַך, אַז אַ געוועהנליך האַרץ, וואָס איז ווייך און נישט פֿעסט, זאָל דאָס קענען אויסהאַלטען. דער עקעל, דער כעס, דער צער, די פֿעראַכטונג, איז צו גיפֿטיג, אַז אַ פּשוט האַרץ זאָל נישט ווערען פֿער׳סמ׳ט פֿון דעם ביטערען געפֿיהל-שטראָם.

ס׳איז אויך שטאַרק חאַראַקטעריסטיש פֿאַר ביאַליקען, וואָס ער האָט ליעב אַזוי אין זײַנע פּאָעטישע זעהונגען די ווערטער „שטום״, „אײַנגעהאַלטען״, „אַ נישט-אויסגע-וויינטע טרעהר״

לי דמעה אחת נאמנה
שבסתר לבי אסבלנה
ובשולי נפשי היא נצפנה („דמעה נאמנה״)...

עוד דמעה כבירה בלבבי נצפנה
(„לא תמח במהרה״)

אָפּטמאָל איז דער שמערץ אַזוי גרויס, אַז מיט אַ זיפֿץ, אַ טרעהר קען מען נאָר פֿערשוועכען די גרויסקײַט.

אָפּטמאָל איז די פֿערביטערונג, דער צאָרן אויף זיך, אויף דער וועלט, אויף גאָט

ענטפּלעקט און געפֿונען די פֿאָרם פֿאַר דער פּאָעזיע פֿון די שטאַרקסטע מעכטיגסטע געפֿיהלען און אונזער געפּייניגטער נשמה. דאָס איז נישט די געוועהנליכע ליריק, וואָס האָט שטענדיג צו טהון מיט אַ געפֿיהל פֿון אַ שטילערען טאָן, און וואָס קאָן זיך לייכט צופּאַסען צו אַ קאָנקרעטען ליניען־געמעל, און וואָס איז מעהרסטענטיילס שטאַרק סוביעקטיוו.

ביאַליקס פּאָעזיע איז די העכסטע ליריק, וואָס וויל אָביעקטיוו אויסדריקען נישט נאָר דאָס סוביעקטיווע ליידען, נאָר די ליידען און קוואַלען פֿון אַ גאַנצען פֿאָלק, וואָס איז צוגלייך זיין פֿאָלק.

דערום איז ביאַליקס פּאָעזיע אַזוי ענהליך צו דער נביאישער. עס פֿלאַקערט און איהר אַ שטורמישער נשמה, עס צאַפּעלט און איהר שטענדיג אַ אונרוהיג צובלוטיגט האַרץ, וואָס וואַרפֿט אַרום זיך מיט אַ קראַנץ פֿון שטראַהלען, פֿון אַ שטראַהלענדיגען געפֿיהלס־לעבען.

ווען איך האָב געזאָגט, אַז ביאַליק איז דער ערשטער פּאָעט ביי אונז, וואָס רעדט מיט אונז און געפֿיהלען, נישט און בילדער, וויל איך דערמיט נישט זאָגען, אַז ער איז אַריבערגעשטיגען די נביאים; דער חלוק צווישען זיי און ביאַליקען איז צו גרויס, אַז איך זאָל וועלען דורכפֿיהרען דעם פֿערגלייך ביז צום סוף. שוין דאָס אַליין, וואָס די נביאים האָבען אונז צוגלייך מיט זייער רייכען געפֿיהלס־לעבען איבערגעגעבען בירושה אויבינע מענשליכע אידעאַלען, שוין דאָס אַליין, וואָס חוץ דער קללה זייערער, חוץ דעם עקעל זייערען, וואָס זיי האָבען געפֿיהלט צו די מענשען, וואָס ווילען נישט הערען נאָטס וואָרט, האָבען זיי אונז אָנגעצייכענט דעם וועג, וואָס פֿיהרט צו דעם איינציג ריכטיגען לעבען,— שוין דאָס אַליין שיידט ביאַליקען אָב מייַלענווייט פֿון די נביאים. דען ביאַליק, ביי אַלע זיינע גרויסע גייסטיגע און פּאָעטישע מעלות, ביי דעם גאַנצען כח פֿון זיין נאַציאָנאַל־פֿיהלענדען האַרץ, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס גאָט האָט איהם געבענשט און פֿערשאָלטען צו טרינקען פֿון דעם פולען, איבערפֿולען „בעכער פֿון צער און צאָרן",— ביי אַלעם דעם, איז ביאַליק אַלס געדאַנקען־מענש (נישט אַלס געפֿיהלס־מענש!) אַ קינד פֿון אונזער צייט, דער גדול, וועלכער איז געשטאַנען אין איין וואוקס מיט דער עפּאָכע, וואָס האָט איהם אויסגעהאָדעוועט,— אָבער נישט דער גרוי־סער נייסט, וואָס צייכענט אָן דעם וועג פֿאַר קונפֿטיגע צייטען וואָס שפּרייט אויס זיינע



פאָלקס ביבליאָטעק
טאָראָנטאָ
TORONTO

„איך געה, איך קוּם, — כ'וועל היילען וואונדען,
מיט אײך אינאײנעם וועל איך בלוטען,
און וואוּ מען דאַרף, וועל איך פערבינדען,
און וואוּ מען מוּז, וועל איך אָבלעקען
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אײער וואונד.
כ'וועל טרייסטען, בעטען, ווײנען, וועקען —
און וועל ניט לאָזען געהן צום גרונד!
איך געה, איך קום, — איך טראָג אַ טרייסט,
איך טראָג אַ בשורה פון נחמה״! —

דערנאָכדעם זעהען מיר פאַר זיך נישט קיין בילד פון אַ נביא, פון אַ מענשען, נאָר דאָס בילד פון געפיהלען, וואָס צוגיסען זיך מיט אַ גרויסער קראַפט און ווילען מיט דעם איינענעם פייער דערוואַרימען אַ צובראָכען, פערדאַרט האַרץ.

ח. נ. ביאַליק איז נישט דער פּאָעט פון זעהונגען און בילדער, נאָר דער פּאָעט פון געפיהלען. די איינצעלנע בילדער, וואָס וואַרפען זיך דורך, זענען ביי איהם נישט די הויפּט-זאַך. נישט אין דער אָבגעטאָקטער אויסאַרבייטונג פון געמעל ליגט ביאַליקס הויפּט-קראַפט, נאָר אין דעם, וואָס ער זוכט שטענדיג אַריינצופּאַסען זיין רייך, שטאַרק געפיהל אין די געוועהנליכע ווערטער פון דער שפּראַך. נאָר אַזוי ווי די געוועהנליכע ווערטער פון דער שפּראַך קלעקען נישט פאַר זיינע שטורימדיגע געפיהלען — בענוצט ער זיי, ווי מען בענוצט די גראָבע נאַסענדיגע ברוקיר-שטיינער, ווען מען וויל בויען אַ טורים אָדער אַ בערגעל צו אַ מזבח. ער נעהמט צעהנדליגער ברוקיר-שטיינער אויף אַמאָל, ער נעהמט אַ סך ווערטער, — שוין אֶפשר צו פיעל ווערטער אויף אַמאָל, — נאָר אַזוי, אז פון זיי אַלעמען צוזאַמען זאָל אַרויס עפּעס עהנליכעס צו דעם, וואָס ער פיהלט אין זיין שטורמענדיגען געמיט, דען אויך אין גראָהע ברוקיר-שטיינער לעבט נאָטס אָטעם.

ווען מען זאָל וועלען קורץ אָבשאַצען דעם הויפּט-ווערט פון ביאַליקס פּאָעזיע, קען מען זאָגען, אז ער איז דער ערשטער פּאָעט ביי אונז, וואָס האָט

מיט'ן ריח פון בלוט און בלוטען", — זעהען מיר נישט קיין בילד פאַר זיך, נאָר מיר דערשפירען דאָס טיעפע ביטערע געפיהל פון אַנ'אָנגעווערטאָגטען געמיט, אָנגעווערטאָגט איבער אלע גרענעצען. ווען ביאַליק זאָגט דאָרטען:

„און מאָרגען געה אַרויס אין גאַס, בן-אָדם, —
און זעה! אַ מאַרק פון לעבעדיגע בראָכוואַרג!
דערשלאָגענע, האַלב-טויטע מענשען-ווערים,
צובראָכענע און אויסגעקרימטע רוקענס", א. ז. וו.

זעהען מיר ווידער נישט פאַר זיך קיין בילד אין געוועהנליכען זין, נאָר מיר פיהלען דעם גרויסען עקעל און די קאַלט-ביטערע פעראַכטונג, וואָס דער פאָעט פיהלט צו די מענשען, וואָס פטר'ן אָב זייער אייגענע שאַנד מיט אַנ„אֵל מלא רחמים" פאַר די אומשולדיגע געשאָכטענע קרבנות. ווען דער פאָעט, אלס נביא, דערהערט גאָטס וואָרט, וואָס זאָגט:

„צו שווער דער יאָך, איך קען נישט מעהר!...
געה רייס פון זייער האַרץ אַנ„אוי",
שיס אויס פון זייער אויג אַ טרעהר!
און שווער זאָל זיין די טרעהר און ביטער,
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ
אַזוי — אַז ד'ערד זאָל טון אַ ציטער
און אָבטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס" —
(„דאָס לעצטע וואָרט")

גיט ער אונז דאָ נישט קיין בילד, וואָס ציילעגט זיך זיין מיט זיינע לויגען און אינזער דמיון, נאָר ער מאָלט אונז מיט ווערטער אַ געוואַלטיג מאָראַלישעס געפיהל, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַ שטאַרקער מעכטיגער ברוסט מיט אַ נישט-מענשליכען כח.

ווען דער נביא האָפט נאָך, אַז זיין וואָרט פון טרייסט וועט ברענגען אַנ'איבער-קעהרעניש אין דער נשמה פון זיין פאָלק, וואָס ווייסט און פיהלט און ווערנט זיך שטיל מיט טרעהרען און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט, און ער צונדט זיך אין די ווערטער:

## II.

„פֿון שטאָהל און אײַזען, קאַלט און האַרט און שטום שמיד אױס אַ האַרץ פֿאַר זיך, דו מענש — און קום!“ — מיט די דאָזיגע מורא'דיגע װערטער הױבט אָן ביאַליק זײַן בערימטע פּאָעמע „אין שחיטה־שטאָדט“. די דאָזיגע װערטער כאַראַקטעריזירען אױך שטאַרק דעם פּאָפּולערסטען טײל פֿון ביאַליקס פּאָעזיע. ער האָט אױסגעשמידט פֿון זײַן האַרץ עפּעס אַ שטאָהלערנס, האַרטעס, עפּעס געמאַכט פֿון איהם אַזאַ געדיכטען, פֿעסטען עקסטראַקט פֿון פֿערביטערטקײַט, צאָרן, שמערץ און כעס, אַז איטליך װאָרט, װאָס קומט פֿון דעם דאָזיגען האַרצען, װירקט, װי אַ קלאַפּ פֿון אַ דונער, װי דער סם פֿון אַ שטאַרק פֿערקאָכטען ניפֿט. זײַנע נאַציאָנאַלע פּאָעטישע שעפּפֿונגען „גראָז איז דאָס פֿאָלק“, „הימעל, בעט פֿאַר מיר רחמים“, „דאָס לעצטע װאָרט“, „די שחיטה־שטאָדט“ און אַנד. פֿיהרען אַזאַ שפּראַך, געברױכען אַזױנע װערטער, װאָס קריצען זיך אײַן אין דער נשמה פֿון לעזער, װי װען מען װאָלט מיט אַ שאַרפֿען גריפֿעל זײ פֿערצײכענט אין זײַן מאַרך. דאָס זענען נישט פּאָעטישע בילדער און געװעהנליכע זין פֿון װאָרט; אַ סך פֿון זײ צײכענען זיך בכלל נישט אױס מיט דער גרױסער בילדער־פֿאַנטאַזיע (װי, למשל, „די שחיטה־שטאָדט“, װאו די פֿאַנטאַסטיק פֿון די בילדער איז גאָר נישט אַזױ רײַך און מאַכט דעם אײַנדרוק פֿון דערצעהלטע אמת'ע פֿאַקטען), װי מיט דעם געפֿיהלס־טאָן, מיט װעלכען די בילדער זענען דורכגעדרונגען. און דער טאָן איז אַזױ פֿערביטערט, אַזױ פֿיל מיט דעם ניפֿט פֿון צער און צאָרן, אַזױ גאַליג, פֿערצװײפֿעלט און װילד און זיך פֿער־בױסען, אַז זײ װירקען פֿיעל שטאַרקער, װי מאַנכע פֿון די גרעסטע פּאָעטישע פֿאַנ־טאַזיע־בילדער.

און זײ לעבט דער אָטעם פֿון דעם, װאָס איך װאָלט אָנגערופֿען נביאישע פּאָעזיע. דאָס בילד בליצט מעהר אױף אונ'ם אײנצעלנעם װאָרט, װי און גאַנצען געמעל, די קראַפֿט פֿון זײער פּאָעזיע ליגט מעהר אין דעם שטאַרקען מעכטיגען געפֿיהל פֿון פּאָעט, װי אין די נישט־ערװאַרטעטע בילדער, װאָס דאַרפֿען אַרױסרופֿען דאָס געװינשטע געפֿיהל.

װען מיר לײענען „אין דער שחיטה־שטאָדט“: „די זון װעט דיר מיט שפּיזען אױסשטעכען די אױגען, אַקאַציען מיט פֿרישע גרינס־ און װײס־בעצװײגען, װעלען כמ'ען

וואַלד, דערנאָך איז ער אַוועק קיין סאָסנאָוויץ, וואו ער האָט געגעבען שטונדען און זיך ביסלעכווייז בעשעפטיגט פאַר זיך מיט ליטעראַטור. פון צייט צו צייט פלעגט זיך בעווייזען א געדיכט פון זיין פעדער, וואָס פלעגט ווערען געדרוקט מעהרסטענטיילס אין אָדעסער העברעאישע אַלמאַנאַכען און אין „השלח", אַחד-העם'ס מאָנאַטס-זשורנאַל. אין א קורצע צייט האָט ביאַליקס פּאָעזיע געמאַכט אַזאַ טיעפען איינדרוק אויף די בעסערע קענער פון דער ליטעראַטור, אַז זיינע פריינד און פערעהרער האָט זיך איינגעגעבען איהם אַריבערצופיהרען קיין אָדעס, און איהם שאַפען די מעגליכקייט צו אַרבייטען אויף דעם פעלד, וואָס פּאַסט פאַר זיין טאַלענט און טיעפע פּעדאַגאָגישע נייגונגען.

פון דענסטמאָל אָן לעבט ביאַליק שטענדיג אין אָדעס.

אינאיינעם מיט ראַווניצקי און בן-ציון האָט ער שפּעטער געגרינדעט אין אָדעס דעם אויסגעצייכענטען העברעאישען פערלאַג „מוריה". גלייכצייטיג איז ער געוואָרען צוערשט אַ נאָהענטער מיטאַרבייטער פון „השלח" און דערנאָך דער צווייטער רעדאַקטאָר, צוזאַמען מיט ד"ר יוסף קלויזנער.

זיין פּאָעמע „מעיר ההריגה" (אויף יודיש — „די שחיטה-שטאָדט", פון דיכטער אַליין איבערגעאַרבייט), געשריבען אין 1903, נאָכ'ן קישענעווער פּאָגראָם, האָט ביאַליקען געמאַכט פאַר דעם גרויסען פּאָעט נישט נאָר פאַר קענער, נאָר פאַר איטליכען לעזער פון דער נאַם. מען קען זאָגען, אַז ביאַליק איז דער איינציגער אין דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור, וואָס האָט אין איין נאַכט און מיט איין ווערק בעקומען אַזאַ געוואַלטיגע און כשר-פערדיענטע פּאָפּולאַריטעט אין אַלע קלאַסען פון יודישען פאָלק.

זייט דעם וואַקסט ביאַליקס פּאָפּולאַריטעט מיט יעדען יאָהר.

אין יאָהר 1904 איז ביאַליק געוועזען אין פּאַלעסטינאַ און האָט דאָרט געהאַט אַזאַ קבלת-פנים, וואָס דאָס קען נאָר בעקומען אַ מענש, וועלכער האָט מיט זיין גייסט אויסגעדריקט דאָס בעסטע און פערבאָהאַלטענסטע, וואָס ליעגט אין די טיעפענישען פון דער פאָלקס-נשמה. די העברעאישע פּאָעזיע האָט געהאַט אַ סך טאַלענטען; דעם נאָמען „נאַציאָנאַלער פּאָעט" האָט נאָר עהרליך פערדיענט איינער, און דאָס איז — חיים נחמן ביאַליק.

דעם ערשטען און שטארקסטען איינפלוס האט געהאט אויף ביאליקען דאס, וואס ער האט זיך בעקענט מיט אחד-העמ'ס ארטיקלען (אחד העמ'ס „על פרשת דרכים" אלס בוך איז ארויס א סך שפעטער). דער, וואס האט אבער א קליינע פארשטעלונג פון דעם לעבען אין וואלאזינער ישיבה אין דער צייט, ווען ביאליק האט דארטען געלערנט, מוז אבער, נישט ווילענדיג, זוכען פריהערדיגע איינפלוסען אויף דעם דיכטערס צארטער נשמה.

אידאי האט אחד-העם געשפיעלט אין ביאליקס לעבען א גרויסע ראלע, אבער, ווי מיר דוכט זיך, האבען נאך געמוזט פאר אחד-העם קומען אנדערע השפעות, ווען מען בעדענקט, אז אין דעם קרייז פון די ישיבה-לייט, וואס האבען זיך געלערנט אינאיינעם מיט ביאליקען זענען געווען פיעלע אויסגעצייכענטע קעפ, וואס האבען שפעטער א גרויסען אנטייל גענומען אין דער יודישער אויפלעבונגס-בעוועגונג.

ביאליק איז אין דער ישיבה לאנג נישט געבליבען. ער האט זיך גיך איבערצייגט, אז דאס, צו וואס ער שטרעבט, וועט ער אין דער ישיבה נישט בעקומען, און באלד האט ער זיך טאקע גענומען צו אלגעמיינע קענטנישען, לעבעדיגע שפראכען און מאדערנע וויסענשאפטען.

פון דער נייע-העבראישער ליטעראטור האבען שטארקער ווי אלץ געווירקט אויף איהם די שריפטען פון חבת-ציון-דענקער אחד-העם (א. גינזבערג).

אין זיין בעקאנטען שיר צו אחד-העמען רופט ער איהם מיט דער דאנקבארקייט פון א פאעט „מיין לעהרער", „מיין וועג-ווייזער", „מיין שטערן".

ביאליק האט זיך מיט התמדה גענומען ערלערנען די רוסישע שפראך. דאס ערשטע רוסישע בוך, וואס ער האט געלייענט איז געווען דעם בעקאנטען רוסיש-יודישען דיכטער שמואל פרוגס לידער. באלד דערויף האט ער אנגעשריבען זיין ערשטעס נאציאנאל-יודיש ליעד „אל צפורי" (צו מיין פייגעלע).

ביאליק איז אוועק קיין אדעס, זיך פערפאלשטענדיגען אין אלגעמיינע למודים, אבער ער איז דארט לאנג נישט געבליבען. דער טויט פון זיידען האט איהם געצוואונגען אײַעקציפאהרען קיין זשיטאמיר. נאכ'ן זיידענס טויט (1891) איז די ארומקייט פון ביאליק שוין געווארען אזוי נישט צו דערהאלטען, אז ער האט זיך געמוזט נעהמען פאר עפעס א מסחר, צו פערדיענען אויף חיונה. צוערשט האט ער געהאנדעלט מיט

טען, די קאָנסערוואַטיווע אַלטע יודישע אויפֿפֿאַסונג פֿון לעבען און די נייע רעוואָלוציאָנערע, וואָס האָט געוואָלט צופּאַסען די נייע מאָדערנע אידעען צו דער אַלטער יודיש־קייט. אין דער צייט פֿון השכלה און שפּעטער זענען עס געווען די פֿערבעהאַלטענע משכּילים, וואָס זענען „פֿערשטאָכען" געוואָרען פֿון אַ ריב"ל, אַ ר' מרדכי אַהרן גינצבורג, אַן אַברהם מאַפּו, וועלכע האָבען אויסגעדריקט די נייע אידעען. אין דער צייט פֿון חבת־ציון זענען עס געווען די פֿערבעהאַלטענע חובבי־ציון אונטער די יונגע־לייט, די תּלמידים פֿון ליליענבלום און שפּעטער פֿון אחד־העם, וואָס האָבען געקעמפּפֿט קעגען דער פֿערגליווערטער אַלט־אָרטאָדאָקסער יודישער אויפֿפֿאַסונג און מיט דער גאַנצער עהר־ליכקייט און התלהבות פֿון אַ יונגער נשמה געמיהט זיך איבערצואַנדערשען די אַלטע אָבגעלעבטע פֿאָרמען דורך נייע פֿרישערע, געזוכט צו פֿערבינדען דאָס איבּינע פֿון יודענטום מיט דעם נוצליכען און גרויסען פֿון דער לעבעדיגער צייט.

ח. נ. ביאַליק איז גראָד געקומען אין דער וואָלאָזינער ישיבה, ווען דאָס נייע, לעבעדיגע און יודענטום אין געשטאַלט פֿון חבת־ציון האָט צושפּרייט זיינע פֿליגלען אויף איטליכען פֿיהלענדען און דענקענדען יונגעמאַן, פֿערחאַפּט מיט דעם צויבער פֿון זייער שענקייט און וואָהרהאַפֿטיגקייט.

ס'איז אַ גרויסער שאָדען, וואָס קיינער פֿון ביאַליקס ביאָגראַפֿען שטעלען זיך גענויער נישט אָב אויף דער וואָלאָזינער עפּאָכע פֿון זיין לעבען. ווען מען נעהמט די יאָהרען פֿון ביאַליקס לערן־צייט אין דער וואָלאָזינער ישיבה פֿון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט פֿיהלט מען, אַז די דאָזיגע צייט האָט געמוזט האָבען אויפֿ'ן דיכטער דעם טיעפֿסטען איינפֿלוס; אַז די מענשען אין די חברים פֿון דער ישיבה, וואָס האָבען דורכגעלעבט דע־מאָלסט די פֿרישע לעבעדיגע צייט פֿון חבת־ציון האָבען געמוזט געוואַלטיג ווירקען אויף ביאַליקס צאַרטער פּאָעטישער נשמה, האָבען איהם געמוזט, אומבעוואוסטזיניג, געבען דעם ערשטען גרויסען שטויס צו דער אַרט פּאָעזיע, און וואָס ביאַליק האָט בעוויזען שפּעטער אַזוינע גרויסע וואונדער.

נאָר ווי געזאָגט, די וואָלאָזינער עפּאָכע פֿון ביאַליקס יוגענד־צייט איז נאָך ווייניג אויסגעפֿאָרשט געוואָרען, און מיר מוזען זיך נאָר בעגנוגענען מיט דער פֿאָלגענדער בעמערקונג.

ס'איז אָנגענומען צו שרייבען, ווען מען פֿערצעהלט ביאַליקס ביאָגראַפֿיע, אַז

אין דער פֿינסטער לעבען, אַזוי ווי איהם געלוסט זיך אַליין, נישט ווי עס געלוסט זיך זיין זיידען. זעהר אָפֿט פֿלעגט ער זיך ראַטעווען פֿון זיין זיידענס שטרענגע לעבענס־נעננ דירלדרעס, וואָס ער פֿלעגט אַוועק וויַיט־וויַיט הינטערן שטאָדט און זיך אָבגעבען אונגאַנצען אַזוינע נאַטור־איינדריקען, וואָס ביים זיידען איז דאָס געווען אַ גרויסע עבירה און אַ מיאוסער חטא.

חיים נחמן ביאַליק האָט זיך זעהר שנעל ענטוויקעלט. שוין צו צוועלף יאָהר האָט ער אָנגעהויבען זיך בעקענען מיט'ן „כוזרי" „מורה נבוכים", מיט די מיטעלאַלטערליכע יודישע פֿילאָזאָפֿען, מיט'ן „זוהר", מיט ספרים פֿון קבלה און חסידות א. אַז. וו. צו דרייַצעהן יאָהר האָט ער פֿערלאָזען דעם חדר מיט די רביים און אַוועק אין בית־המדרש לערנען פֿאַר זיך.

דאָס בית־המדרש'ל, וואו ער האָט געלערנט, איז געווען ביים עק שטאָדט. זעלטען ווען עס פֿלעגט דאָרט אַריינקומען ווער, חוץ בשעת דאַווענען. די פֿערשידענאַרטיגע געפֿיהלען פֿון אַ בחור, וואָס לערנט אַליין פֿאַר זיך, עלענד און איינזאַם אין ערגעץ אַ פֿערוואָרפֿענעם בית־המדרש'ל, האָט געפֿינען שפּעטער ביים דיכטער אַ וואונדערליך פּאָעטישען און טיעפֿען אָבקלאַנג אין זיין פּאָעמע „דער מתמיד", וואָס דער לעזער געפֿינט דאָ אין דער איבערזעצונג פֿון שוואַרץ, און וועגען וועלכער עס וועט נאָך אינז אויסקומען צו רעדען.

דורך אַ צופֿאַל האָט נחמן זיך בעקאַנט מיט אייניגע ספרים פֿון דער נייַ־העברעאישער ליטעראַטור, און דער דאָזיגער צופֿאַל האָט געמאַכט אַן איבערקעהרעניש אין זיין געפֿיהלס־לעבען. ביאַליקען האָט זיך שטאַרק פֿערוואָלט אַריינדרינגען אין די נייע אידעען און קענטנישען, און אַזוי ווי וואַלאָזין האָט דעמאָלסט גע'שמט, אַז אינאיינעם מיט גמרא און יורה דעה, לערנט מען אין דער בערימטער ישיבה אַלגעמיינע למודים — האָט זיך ביאַליק אַוועקגעלאָזען קיין וואַלאָזין.

אין סוף פֿון די אַכציגער יאָהרען און אין אָנפֿאַנג פֿון די נייַנציגער אין פֿאָריגען יאָהרהונדערט, ביז צו דער צייט, ווען די רעגירונג האָט צוגעמאַכט די וואַלאָזינער ישיבה — איז אויך וואַלאָזין געווען דער אָרט, וואו ס'זענען אַריינגעדרונגען די נייסטע אידעען, וואָס האָבען שפּעטער אַזוי בעפֿרוכטערט דאָס יודישע לעבען. אין דער דאָזיגער בערימטער ישיבה האָבען יוגענדיג געקעמפֿט ביי די ישיבה־בחורים צוויי געדאַנקען־וועל־

צוזעצט, ווי אַ צווייטער בעל-הבית.

ווער עס וויל זיך פֿאָרשטעלען די שוידערהאַפֿטע אָרימקייט, וואָס האָט געהערשט אין שטוב פֿון קליינעם ביאַליקען, דער זאָל דורכלייענען זיין ליעד „שירתי“ (מיין ליעד), וואו דער פּאָעט ערקלערט דעם לעזער אין אַ בייזען טאָן פֿול מיט עקעל און ביטערקייט, פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען ביי איהם דער קוואַל פֿון זיין ליעד. זיין לעהרמייסטער איז געווען דער גרויל, וואָס גרילצט תמיד אין די אָרימע הייזער, וואו דער אויווען איז שטענדיג קאַלט, און וואו די שטילע נעדריקטקייט פֿון נויט און צרות-לייַדען, פֿון שטענדיגען אָנגעוועהטאָגט זיין — מאַכט הילכיגער און גרילצענדיגער דעם גרויל אינטערן אויווען.

דער גרויל איז געווען דער זינגער, וואָס האָט איהם אויסגעלערנט זינגען, און וואָס האָט קיינמאָל נישט געפֿעהלט אין חאָר, ווען זיין אומעטיגע שטים האָט אָנגעהויבען עפּעס טרויעריג צו טרעלייקען. — —

„ווען מיין טאַטע האָט צוליעב אָרימקייט געמאַכט פֿון אַ שבת אַ וואָכעדיגען טאָג; בשעת אויפֿ'ן טיש האָט געפֿעהלט דער ווייַן צו קדוש און די ווייסינקע חלות; ווען מאָגערע חלב'נע, רויבערדיגע, ברוזנע ליכטלעך האָבען געוואָרפֿען מיאוסע שאָטענס אויף די ווענד; און זיבען קינדער האַלב פֿערהונגערט, האַלב פֿערשלאָפֿען זענען געזעסען אָנגעשפּאַרט אָן טיש, און די מאַמע האָט אַ פֿערזאומערטע געהאָרכט, ווי זייערע מאַטע שטימען בעגריסען די „מלאכי-השרת“; ווען דער טאַטע, ווי אַ פֿערשולדיגטער אַ דערשלאָגענער און אַ פֿערצאָגטער, האָט געשניטען מיט אַ טעמפּען מעסער דאָס שוואַרצע ברויט און דעם עק פֿון הערינג...

„מיר האָבען נאָך נישט צוקייַט דאָס שוואַרצע שטיקעל ברויט, איינגעטונקט אין זאַלץ, און שוין אָנגעהויבען נאָכצוזינגען דעם טאַטען מיט אַ פּוסטען בויך און אַ לויידיגען מאָגען די זמירות, — דענסמאָלסט האָט זיך אויך דער גרויל בעהעפֿט צו אונזער זמירות-האָר, און האָט זמירות'דיג נעגרילצט פֿון זיין פֿינסטערען שפּאַלט“. (שירתי).

נאָכ'ן פֿאָטערס טויט איז ביאַליק אַריבער צו זיין זיידען. אַ שטרענגען, פֿאַנאַטישען יודען, וואָס האָט פֿיינט געהאַט די פֿרעהליכע נאַאיווע שטיפֿערייַ פֿון אַ יונג קינד. ביאַליק, זייענדיג אונטער דער שטרענגער השגחה פֿון זיין זיידען, האָט געמוזט שטאַרק ענטוויקלען זיין כח הרמיון און פּאָעטישע איינבילדונגס-קראַפֿט, אום צו קענען האָטש

# חַיִים נַחְמָן בִּיאַלִיק.

## פֿון בעל-מחשבות.

**I.**

חיים נחמן ביאַליק, דער בערִיהמטסטער נאַציאָנאַל-יודישער פּאָעט פֿון אונזער צײַט, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1873 אין דאָרף ראַדי, וואָס עס געפֿינט זיך אין דער וואָהלינער גובערניע. זײַן פֿאָטער, אַ יוד אַ למדן, אָבער נישט קײַן בעל-מוצלח, האָט געהאַלטען צוליעב דער אָרימער פּרנסה װעגען אַ קרעטשמע בײַם עק דאָרף.

די ערשטע קינדהײַט פֿון קלײנעם נחמנ'דעל איז אַריבער אין אַ פֿרײַער רײנער ליפֿט פֿון אַ גויאישען דאָרף, נישט װײַט פֿון די גרויסע און געדיכטע װעלדער, וואָס האָבען זיך געצויגען צום טאַטענס קרעטשמע.

אויך שפּעטער, װען דער טאַטע האָט פֿערלאָזען דאָס דערפֿעל און האָט זיך בעזעצט אין זשיטאָמיר אין שטאָדט, נעבען די שענע און מאַלערישע ברעגעס פֿון טײַך טעטערעװ,—איז דער קלײנער נחמנ'דעל נאָך נישט געװעזען אַזוי דערװײַטערט פֿון גאָטס נאַטור, װי אַנ'אַנדער יודיש קינד, וואָס וואַקסט אין די שאָטענס פֿון יודישע שטעדט-לעך און שטעדט.

אֶפּשר האָט די השגחה מיט אַ כּיון געװאָלט, אַז דער צוקונפֿטיגער פּאָעט זאָל אײַנזויגען שוין פֿון קינדהײַט אויף די שענקײַט פֿון גאָטס װעלט? אֶפּשר האָט זי איהם שוין פֿאָרויס צוגעגרײט דעם באַלזאַם, וואָס זאָל לינדערן זײַנע שמערצען אין די טעג װען אויף זײַנע ליפּען װעלען זיך טראָגען ביטערע-קללות אויף זיך, אויף זײַן פֿאָלק און אויף דער גאַנצער װעלט?

צו זיבען יאָהר איז ביאַליק געװאָרען אַ יתום. כּל זמן דער טאַטע האָט נאָך געלעבט, איז די נויט נישט געװען אַזוי גרויס; נאָכ'ן טויט אָבער פֿון זײַן פֿאָטער איז באַלד אַרײַן דער דלות אין הויז פֿון קלײנעם נחמן און האָט זיך דאָרטען ברײט

LIBRARY, TORONTO

# אינהאַלט.

## I. נאַציאָנאַלע:


גלוסט זיך מיר וויינען . . . . . . . . 5
און שחיטה-שטאָדט . . . . . . . 7
דאָס לעצטע וואָרט . . . . . . . 23
כ'בין נישט אויף איער רוף נעגאַנגען . . . . . 32
אַ פרעהליכם . . . . . . . . 34
כ'וואָלט געוועזן אַ בעלן וויסען . . . . . . 38


## II. איבערזעצונגען:


בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער (פון ר' יהודה הלוי) . . . 43
ים-לידער (פון ר' יהודה הלוי) . . . . . . 46
די פרינצעסין שבת (פון היינע) . . . . . . 49


## III. נאַטור:


אויף דעם הויכען באַרג . . . . . . . 58
עס האָט מיך פערפלאָנטערט . . . . . . 61
אונטער די גרונינקע בוימעליך . . . . . . 63
מיין גאָרטען . . . . . . . . 64
ערב פריהלינג . . . . . . . 74


## IV. פרעמדע איבערזעצונגען:


ווינטער-לידער . . . . . . . . 81
דער מתמיד . . . . . . . 94
און פעלד . . . . . . . 117
אַנטלויף . . . . . . . . . 122
צום ווינט . . . . . . . . . 124
אויפ'ן בית-עולם . . . . . . . 125
וואו בימטו? . . . . . . . 126
זי האָט מיר געשיקט אַ בריוועל . . . . 128
זיי אַ שוין מיר . . . . . . . . 132
בייגאַכט . . . . . . . . . 134



LIBRARY
JUL 30 1997
UNIVERSITY OF TORONTO

Поэзія Х. Н. Бялика.
Изданіе „ПРОГРЕСЪ“, Варшава.

Типографія „Универсаль“, Варшава, Лешно № 31.
1913.

ח. נ. ביאַליק.

# פּאָעזיע.

(לידער און פּאָעמען).

PUBLIC LIBRARY

פֿערלאַג „פּראָגרעס“, װאַרשא. הויפּטפערקויף געזעל. „צענטראַל“.

װאַרשא, תרע"ג.

דרוקערײַ ה. עפּפּעלבערג. װאַרשא, בעדנאַרסקא 26.

JEWISH PUBLIC LIBRARY TORONTO

# פאעזיע

ח.נ.ביאליק